Sholem Asch
The Little Town.
translated by Meyer Levin

בלאטיק איז דער וועג, וואס פירט אין שטעטל אריין. עס איז א פאר פורים-טאג, דער שניי אויף די פעלדער צעלאזט זיך און צעגייט, און איבער דער אויבערדעק פון דער ווייסער שניי-וועלט ווייזן זיך שוין דא און דארט שווארצע ערד-פלעקן ארויס. דער זאמען, וואס האט דעם גאנצן ווינטער הינטער דער שניי-דעק אין דער ערד זיך אויפגעהאלטן, איז ווייך געווארן, צעשפאלטן און זיינע שפראצנדיקע ווארצלען הויבן אן נאגן חיונה פון דער מאמע-ערד. און אין די שווארצע ערד-פלעקן איז עס צו דערקענען, אז די מאמע ערד איז טראגעדיק... ווייט אויף ביידע זייטן וועג, צווישן די ליפע-ביימער, גייט אן איינזאמער וואנדערער מיטן פעקל אויף דער פלייצע און מיטן שטעקן אין דער האנט. שווארצע קראען פליען דארט ווייט איבערן וועג, פון בוים צו בוים. און שארן אפ מיט זייערע גרויע פיסלעך די ווייסע, לאנגע שניי-שנירלעך, וואס זיינען אויף די צווייגן פון די ביימער. דעם וואנדערערס וועג פירט אין שטעטל אריין. קום-מיט מיט אים, און וואס מיר וועלן זען און וואס מיר וועלן הערן, וועלן מיר אין דעם בוך באשרייבן:

קאפיטל איינס

## די שטוב

די טיר פון דער שטוב איז אפן א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט, און ווי אין א גאסט-הויז דרייט מען זיך דארט תמיד אריין און ארויס. איזן איז עס ר׳ יחזקאל גאמבינערס שטוב, נאר דאך — א שטאט-שטוב, א רשות-הרבים, אזוי אז א ווילד-פרעמדער קומט אריין און זעצט זיך אנידער, גייט ניט אן די קשיא: „וואס וועט איר זאגן, ר׳ ייד?" דא זיינען אלע אין דער היים. פארלאזט א שטאט-בעלעבאס זיין היים אין דער פרי אן א גלאז ווארעמס, גייט ער זיך פראסט מיט טלית און תפילין אריבער צו ר׳ יחזקאלן אין שטוב אריין, און ווי א היימישער, הייבט ער איינער פון די דינסטן, אז זי זאל אים א גלאז טיי דערלאנגען. מער איז מסוגל די שטוב צו א גלעזל בארשטש; נאך דעם קומט מען אריין אין א ווינטערדיקן נאכן-אנבייסן, אז דער פראסט קנאקט, און מען וויל זיך די גלידער אנווארעמען. און ווער שמועסט נאך, אז מען קאכט ביי מלכהלען, ר׳ יחזקאלס ווייב, דעם קנאבל-בארשטש. צו נעמען אין שטוב איז ניט קיין חרפה, דער מנהג איז שוין אזוי: א גלעזל בארשטש, א טרונק וואסער. פוילט זיך נאר א שטאט-בעלעבאסטע די הרובע אונטערצוהייצן, נעמט זי איר טעפל און טראגט עס צו מלכהלעס קיך אריבער. און אין מלכהלעס קיך געפינען זיך די גאנצע שטאט טעפלעך. טייל מאל פארטוישן זיך די בעלעבאסטעס מיט די טעפלעך, ווערט דארט א לעבן. מאכט זיך א יונג א ברוגז אין דער היים, האלט ער זיך אויף אין ר׳ יחזקאלס שטאל. צו זארגן איז נישטא וואס, ברויט און זעמל ווערן ביי ר׳ יחזקאלן נישט פארשלאסן — אלץ איז אין דער קיך פריי ווי וואסער. פוטער און רעטעכער זיינען שטענדיק דא אין קעלער. דער שליסל פון קעלער הענגט אין קיך, ביי יענטען (דאס דינסט-מיידל), א „וואוילע טאכטער", ברודער, אז נישט קריגט זי קלעפ, ר׳ יחזקאל הייסט אליין.

*

די נאכט האט דאס שטעטל אונטער איר שוץ ארונטערגענומען, און די גאנצע וועלט ארום און ארום האט זי אין זיך באהאלטן. אין מיטן דער נאכט האט זיך א רעשדיק קלאפן פון פערד און רעדער דערהערט אויף שטיינער. דאס רעשן איז פארשטומט געווארן ביי דעם שטראל שיין, וואס האט פון א לאדן ארויסגעדרונגען, און פון וואגן איז ווער אראפ... שווערע באלעבאטישע טריט האבן איבערן קארידאר זיך געלאזט הערן. דאס האבן געמוזט קומען היימישע, ווארעם זיי האבן באלד די קליאמקע פון טיר געפונען, אויפגעעפנט, און אין שטוב אריין.

אין דער ברייטער, לאנגער שטוב איז קיינער ניטא. זי איז פול מיט שאטנס; דער גרויסער ווינטער-לאמפ מיטן ברייטן שיין, ווי א באבע אין א ברייטן פארטוך, ברענט זיך איינער אליין צווישן די שאטנס אין מיטן שטוב. די אנגעקומענע יידן זיינען אין לאנגע ברייטע שאפן-פעלצן, די ברייטע קאלנערס זיינען ביזן האלבן רוקן פארווארפן און ביים האלדז מיט א ברייטן, רויטן שאל פארבונדן. צווישן די טונקעלע פאלדן, וואס פארווארפן זיך אין די פעלצן, האלט זיך נאך אויף דער טונקעלער סוד פון דער נאכט, וואס זיי האבן פון דרויסן מיטגעבראכט... אויף די קעפ האבן זיי שאפענע היטלען מיט לאפן איבער די אויערן פארבונדן, און אן אייז-הויך איז איבער די היטלען און קעלנער פארפרוירן. דער אייז-הויך ווערט פון דער שטוב-ווארעמקייט צעגאנגען, און טראפן וואסער רינען פון די היטלען, פון די פעלצן; און ביים דרייען זיך איבער דער שטוב לאזן זיי נאך זיך שפורן וואסער איבער. זיי זיינען צו צום גרויסן אויוון, וואס איז אין א ווינקל פון שטוב געשטאנען. דער אויוון האט זיין היץ פארויס פאר זיך געשיקט און נישט צוגעלאזט צו זיך. די ווארעמקייט האט זיי

A MUDDY road leads into the village. This is the day before Purim, and the snow melts and dissolves over the fields. One can already see patches of the dark earth through the threadbare blanket of snow. The seeds that lay under cover all winter long have softened; they've split open, and their sprouting little roots have begun to suck the juice of life from Mother Earth. In these dark patches, through the snow, one may well perceive that Mother Earth is pregnant.

Far along between the linden trees that line both sides of the road, a lone wayfarer goes, with his pack on his back and his stick in his hand. Above, black crows fly from tree to tree, and their little gray feet break the threads of snow upon the branches.

The wayfarer's path leads him into the village. Let us go along with him, and whatever we see and whatever we hear shall be written in this book.

## *Reb Yechezkiel's Place*

The door of the house is open day and night. People are forever coming in and out, just as if it were an inn. Actually, this is Reb Yechezkiel Gumbiner's house, but at the same time it is a gathering place open to one and all. If a complete stranger were to come in and sit down, the villagers might not even ask him what he had to say for himself. For here everyone is at home.

If a man leaves his house in the morning without having swallowed something to warm his insides, he simply walks into Reb Yechezkiel's, still wrapped in his praying shawl and phylacteries, and just as if he were one of the family, he calls to the servant to fetch him a glass of tea. Or, more frequently, it's a cup of borsch for which people are indebted to the house. For not long after breakfast, on a wintry morning in a cracking frost, one feels the need for something warm again, and word soon gets around that Reb Yechezkiel's wife Malka is brewing a garlic borsch in her kitchen. There's nothing evil about taking a sip of something there—actually it's the custom—a cup of borsch, a glass of water....

If a village housewife is too lazy to build a fire in her oven, she takes up her pot and carries it over to Malka's kitchen. And in that kitchen, the cooking pots of the entire town may be found. Sometimes the good housewives become confused as to whose pot is whose. Then things are lively.

And if a lad has trouble at home, he betakes himself to Reb Yechezkiel's stable. He has nothing to worry about. Bread and rolls are never locked up in Reb Yechezkiel's house. In the kitchen everything is as free as water, and butter and radishes are always to be found in the cellar. The key to the cellar hangs by the stove in the care of Yente, the servant girl. But she's a good enough girl, and if she doesn't do as she's told—a little beating helps. Reb Yechezkiel says so himself.

Night takes the village under her wing, and within the night all the surrounding world is hidden. In the midst of the night the noisy beat of horses' hoofs and the rattle of wagon wheels on stone is heard. The noise ceases as a light shines forth from a window; then people are heard getting down from a wagon.

Heavy manly steps make themselves heard down the corridor. These must be habitual guests for they find the lock immediately, open it, and come into the big room.

There is no one in the long wide chamber; it is filled with shadows. Only one light burns among the shadows—the great winter lamp, with its wide shining arc like a grandmother's broad apron.

The Jews coming into the room wear long full sheepskin coats with broad collars that hang halfway down their backs and have red shawls wrapped around their throats. In the dark folds of their coats there still seem to linger the dark secrets of the night, which they have carried in with them from outdoors. On their heads they wear sheepskin caps with earlaps, and there are icicles on their hats and collars. The icicles melt in the warmth of the room, and drops of water fall from their sheepskin caps and coats so that they leave little trails of water behind them as they move about the room.

They approach the great stove that stands in a corner of the room. A blast of heat from the stove keeps them from coming too close. The warmth embraces them. They remove their sheepskins and remain standing in their thick red-belted jackets, and only now their beards appear. Some white, some black, some short, some long.

אַרומגענומען. זיי האָבן זיך די פּעלצן אויסגעטאָן און זיינען געבליבן שטיין אין די דיקע מאַנטלען, אַרומגעגאַרטלט מיט רויטע גאַרטלען. ערשט דאָן האָבן זיך אָנגעהויבן די בערד צו ווייזן. טייל ווייס, טייל שוואַרץ, טייל קורצע, טייל לאַנגע. די ייִנגערע האָבן דעם אָרט ביים אויוון פֿאַר די אַלטע אָפּגעלאָזט און אַליין זיינען זיי געפֿאַלן ווער אויף אַ באַנק, ווער אויף אַ טיש, און האָבן אָנגעהויבן צו דרעמלען. די אַלטע זיינען שטילשווייגנדיק אַרום אויוון געזעסן, און צו מאָל האָט איינער דעם אַנדערן אַ קשיא פֿון געשעפֿט געפֿרעגט, און נאָך אַ לאַנגער ווײַלע האָט יענער אים אַ תּירוץ אָפּגעענטפֿערט.

די נאַכט האָט ערשט איצט אָנגעהויבן דורכן פֿענצטער אַריינצוקוקן דורך גרויע ברילן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַזוי ווי מען וואָלט אַ פּאָר טונען ליכטיקייט אין אַ פֿינצטערן נאַכט־ים אַריינגעגאָסן. און דאָס ליכטיקייט האָט דאָס פֿינצטערניש קוים מיט עפּעס־וואָס נאָך גרויער געמאַכט. פֿון ערגעץ־וואו האָט זיך אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער קוקורעקו פֿון אַן אויפֿגעכאַפּטן האָן געלאָזט הערן; רעדער קלאַפּן אויף שטיינער און זיי שלאָגן אָפּ איינזאַם אין דער שטילער נאַכט. די נאַכט קוקט אַלץ מער מיט גרויע ברילן דורכן פֿענצטער אַריין, אָפּנים, מען גיסט אַלץ מער טונען ליכט אין דער פֿינצטערניש... פֿון אַ צווייטער שטוב הערט זיך אַ רודערן, אַ וואַסער־גיסן, דערנאָך טריט אויף און אָפּ. באַלד דערהערט זיך פֿון דער צווייטער שטוב אַן אַלט קול, וואָס זאָגט מיט אַ זייער וויינענדיקן ניגון תּהילים. און דאָס קול גייט זיך פֿאַר זיך אין אַ ווייטן וועג. באַלד מישט זיך אַריין אַ דרייסט דין־יונג קולכעל, וואָס איילט זיך און ווי עפּעס מיט אַ פּרעטענציע מישט עס זיך אַריין אין דעם אַלטן טרויעריקן ניגון: „אָמר אַביי“, און וויל עס פֿאַרטומלען. דאָס אַלטע ערנסטע קול, ווי פֿאַר זיך, מיידט אויס דאָס יונגע קולכל און וויינט אין דער וועלט אַריין. די ייִדן ביים אויוון אין דער שטוב, דערהערנדיק קול־תּורה, כאַפּן זיך אויף, רייבן זיך די אויגן. איינער וואַשט זיך די הענט אָן פֿענצטער, מען נעמט באַלד אַרויס אַ סידורל פֿון קעשענע, און מען ענטפֿערט אָפּ מיט אַ שאַרפֿן, האַלב־ליטווישן אַקצענט: „למה רגשו גויים“, און עס דאַכט זיך, אַז די קולות גיבן זיך אָפּ איינער דעם צווייטן אַ שלום־עליכם איידער מען זעט זיך נאָך...

און גרויער קוקט אַלץ די נאַכט אַריין דורכן פֿענצטער, אַזוי אַז מען הייבט שוין אָן צווייפֿלען אויב עס איז פֿאַר טאָג, אָדער פֿאַר נאַכט...

פֿון דער קיך הערט זיך אַ האַקן פֿון האָלץ, אַ קנאַקן פֿון פֿייער, מען גיסט עפּעס איבער פֿון איין כּלי אין דער צווייטער. די טיר עפֿנט זיך, מענטשן דרייען זיך, מען קומט אַריין, מען גיסט עפּעס אָן, אָדער מען לייגט עפּעס אַנידער און מען גייט זיך זיין וועג... פֿון אַ ווייטער שטוב הערט זיך אַ קינד וויינען... און עס דאַכט זיך, אַז די קולות מישן זיך אַלע צוזאַמען: דעם ייִדנס טרויעריק תּהילים־זאָגן, דאָס דינע גמרא־ניגונדל, דער דינסטס האָלץ־האַקן, דאָס קנאַקן פֿון פֿייער און די קולות גריסן און זאָגן דעם ניי־געבוירענעם טאָג, וואָס קוקט דורכן פֿענצטער אַריין: גוט מאָרגן!

אין דער שטוב איז שוין האַלב ליכטיק. אויפֿן טיש זיינען אָנגעלייגט פּעלצן, קאַפּאָטעס און שאַלן. אַ הויכער יונג שלאָפֿט אויף דער קאַנאַפּע און שפּאַרט זיינע לאַנגע פֿיס אין דער וועלט אַריין...

טיר און טויערן זיינען שוין אָפֿן, און מען דרייט זיך אַריין און אַרויס. ייִדן קומען אָן פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער, נידעריקע און הויכע, מיט לאַנגע און קורצע בערד. מען גיט זיך אָפּ שלום־עליכם, און תּוך כּדי דיבור איז מען שוין אין מיטן געשעפֿט. מען רעדט און מען קריגט זיך, אויף טייל פֿראַגן ענטפֿערט מען גאָרנישט און אויף טייל — צופֿיל תּירוצים. אָט האַלט שוין איין ייִד דעם צווייטן אונטערן אָרעם און פֿירט אים אין אַ ווינקל אַריין און רוימט אים עפּעס אין אויער אַריין. אַ צווייטער שטייט ביים טישל, קוקט אין אַ סידור אַריין און וואַרפֿט אַן אויג דאָרט אַהין, און פּלוצלינג כאַפּט ער אויף אַ ייִדן אונטערן אָרעם און פֿירט אים אויך אין אַ ווינקל אַריין. ווי ער וואָלט יענעם די אויגן געוואָלט אויסשטעכן, ווייזט ער, אַז ער האָט אַ סוד. דערווייל כאַפּט זיך נאָך איינער אויף און טוט זיך אָן טלית־און־תּפֿילין און שטעלט זיך אַנידער אָפּדאַווענען, אַ צווייטער ייִד גייט אים שוין אין וועג אַריין. אין דער זעלבער צייט רעכענען צוויי ייִדן מיט אַ שטיקל קרייד אויפֿן טיש, איינער, מיט אַ נאַסן פֿינגער, מעקט, וואָס דער צווייטער שרייבט, און דער שרייבט ווידער, וואָס דער צווייטער מעקט. אין צווייטן ווינקל שטייען צוויי ייִדן, און איינער, מיט אַ געל בערדל און אַ רונדיק בייכל, ציילט דעם צווייטן געלט אויפֿן טיש. ער ציילט ערנסט ווי איינער דאַווענט פֿרום: 74, 75, 76, ווי ער וואָלט וועלן דערמיט דעם אַנדערן זאָגן: זע, וואָס געלט באַטייט.

אין דעם עפֿנט זיך די טיר, און עס קומט אַריין מיט אַ געלויף אַ הויכער ייִד, אַ בלינדער אויף אַן אויג, מיט אַ לאַנגער, רויטלעכער באָרד, און ער הייבט אָן, אָן שום טענות און מענות, צו שילטן דעם געלן, וואָס ציילט דאָס געלט: „רויטער הונט, 250 רובל גיסטו? וואָס, ביסט משוגע געוואָרן?“ דאָס געלע ייִדל ציילט ווייטער דאָס געלט — 101, 102. „וואָס האָסטו צו מיין געלט?“ טענהט אַלץ דער צווייטער. נאָר קוים האָט יענער די פּאָר גילדן צוגענומען, שטייט שוין דער רויטער מיטן געלן און זיי סודן זיך, שלום געמאַכט. אויפֿן טיש ליגן פּראָבן ווייץ און רויטע שנופּ־טיכלעך, און יעדער ייִד, וואָס קומט אַריין, כאַפּט אַ פּאָר קערנדלעך, באַקוקט זיי צוזערשט, כאַפּט זיי אין מויל אַריין און פֿרעגט אין דער וועלט אַריין:

The younger men leave the places near the stove to the elders and seek out havens for themselves. One stretches out on a bench, another on a table. They are soon asleep. The old ones sit quietly around the stove, and occasionally one asks a question of another, about business, and after a long while the other gives him an excuse for an answer.

Now the night comes through the window as though peering through gray glasses. One may imagine that a few barrels of light have been emptied into the black ocean of night, making it just a shade grayer. From somewhere the long-drawn-out crowing of a waking rooster is heard. Wheels rattle over stones, making a forlorn sound in the quiet night.

With ever grayer spectacles the night peers through the window. More and more barrels of light are stirred into the sea of darkness. From another house a rattling is heard and the sound of water pouring. Then there are steps moving about and away. And soon from the other house one hears an old man's voice repeating the morning prayer in a tearful singsong. The voice carries a long way. Then a bold young voice mingles with it. The young voice is hurried, joining almost pretentiously in the ancient, tearful chant. *"Thus saith the Lord ..."* It rattles against the elder voice, but the aged one continues solemnly, as though for itself alone, avoiding and disdaining the bright young intrusion and pouring forth its lamentation into the world.

The Jews huddled around Reb Yechezkiel's oven hear the voice of prayer as they awake, rubbing their eyes. One washes his hands by rubbing them against the window. Each soon draws a prayer from his pocket, and they repeat the responses with a sharp, half-Litvak accent. *"Why hast Thou forsaken us? . . ."*

One might imagine that the voices are merely exchanging greetings with each other in the dim light, before the men can see each other.

And through the window the night peers, a paler gray, until one cannot tell whether this is the hour of daybreak or of nightfall. Wood chopping is heard from the kitchen, and the crackling of fire. Someone pours something from one pail into another. The door opens; people move about; people come in; somebody puts something down and goes on his way. A child's cry is heard from a house nearby. Now all of the sounds seem to merge—the mournful praying of the old man, the high-pitched singsong of the young boy at his devotions, the servant's wood chopping, the crackling of the fire, and the scattered voices greeting each other and saluting the newborn day that peers in through the windows.

It is already half light in the room. On the great table, there lies a heap of fur coats, greatcoats, and shawls. A tall young man is stretched on the sofa with his long legs extending into space. Doors and gates are open. People are coming in and going out; Jews of all sorts and all ages are arriving. They are tall and they are short; they have long beards and short beards. They say good morning to one another, and without wasting a word they are in the midst of bargaining. They talk and argue. To some questions there is no answer, and to other questions there are too many answers. Already one sees a good Jew taking another by the arm, steering him into a corner where he buzzes something into his ear. A third person stands by a table with his little prayer book open while his eye wanders to that corner, and suddenly he too seizes someone by the arm and walks him to another corner, showing that he too has a secret business—and let his competitor's eyes pop out of his head!

Meanwhile there is yet another who wakes, and winding himself in his prayer shawl and his phylacteries, he stands and prays, and there is even another who is already off on his way. At the table two businessmen are adding up their account with a bit of chalk. One of them wets his finger and rubs out what the other writes, and the other writes again what the first has rubbed out. In another corner stand two good Jews occupied in a further stage of business. One of them, with a little yellow beard and a round little belly, counts out money on the table. He counts solemnly, like someone piously praying—seventy-four, seventy-five, seventy-six—and as though he wishes to emphasize to the other, "You see what money means?"

Now the door opens, and in bursts a huge fellow, blind in one eye and with a long reddish beard. Without a why or wherefore he begins to curse the yellow beard who is counting out money. "You yellow dog! Paying two hundred and fifty rubles! Have you gone crazy?" The yellow beard keeps on counting out the money, one hundred and one, one hundred and two.... "What are you doing with my money?" the one eye shouts. Yet scarcely has the recipient picked up the money before the red beard and the yellow beard are off whispering together, and all is peaceful between them.

On the table there are samples of grain heaped in red handkerchiefs, and every Jew who comes into the room picks up a few

„וויפל דער מאַרק?‟ ער באַקומט נישט קיין תּירוץ, קנאַקט ער די ווייצלעך און קנייטשט מיטן שטערן, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין פֿון זיך טרעפֿן געוואָלט דעם תּירוץ, וואָס ער האָט נישט געקענט אַרויסבאַקומען פֿון דעם עולם.

די שטוב איז די שטאָט־בערזע. קליינע סוחרימלעך קויפֿן אויף ביי די פּויערים די תּבואה און מען פֿאַרקויפֿט זיי „ר׳ יחזקאלס שפּייכלער‟. אין דער שטוב ווערן אָפּגעמאַכט אַלע געשעפֿטן, נישט דווקא די, וואָס זיינען נוגע ר׳ יחזקאלס געשעפֿט, נאָר אַפֿילו דאָס, וואָס איינער האָט עפּעס מיטן צווייטן; אָדער גלאַט אַזוי, אַז אַ ייד וויל זיך דרייען אין אַ געשעפֿט; אָדער אַז אַ יונגערמאַן גייט דעם ערשטן טריט פֿון קעסט אַראָפּ און וויל אַריינטרעטן אין האַנדל, דרייט מען זיך צוערשט אין שטוב. דאָס איז דאָס בית־המדרש פֿון האַנדל.

ביי דער שטוב איז אָפּגעזונדערט אַ שטיבל, דאָס קאַבינעטל, הייסט עס, פֿאַר ר׳ יחזקאלן אַליין. ביי אַ פֿיר־עקיקן שרייב־טיש זיצט ר׳ יחזקאל אויף זיין פֿאָטער־שטול. ר׳ יחזקאל, אַ נידעריק, נאָר אַ דיק יידל מיט אַ רונדיק ווייס בערד׳ל, האַלט זיך אָן מיט איין האַנט די ברילן ביי דער נאָז. איין גלעזל פֿאַלט אים אַלע מאָל אַרויס, און ר׳ יחזקאל הייבט עס אויף, רייבט עס איבער מיטן טיכל, זעצט עס ווייטער אויף דער נאָז, פֿרעגנדיק עפּעס אָדער אָפּענטפֿערנדיק ר׳ טוביהן, זיין „מענטש‟. ר׳ טוביה, אַ הויכער ייד, מיט אַ דאַרן געזיכט, ענטפֿערט־אָפּ ר׳ יחזקאלן מיט איילעניש און מיט אַ געלעכטערל, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגן: „אַלץ איז גוט, אַלץ איז גוט‟.

ר׳ יחזקאל, איינגעוויקלט אין זיין לאַנגן ברייטן שלאָפֿראָק און אין דעם פֿיר־קאַנטיקן היטל, קנעטנדיק אַ שטיקל ברויט צווישן די פֿינגער, האָרכט אויס זיין מענטש. אַ מינוט בייזערט ער זיך, אַ מינוט ווערט ער ווייטער גוט, וועלנדיק מיט זיין מענטשן אָן עצה האַלטן.

ר׳ יחזקאל רוקט אויף אַ שופֿלאָדל, נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר און זאָגט צו ר׳ טוביהן:

— וואָלף מוז נאָך דאַנציק שרייבן, אַז דער ערשטער טראַנספּאָרט איז עקספּעדירט.

עס עפֿנט זיך די טיר און צו ערשט שטעקט זיך אַ קאָפּ אַריין, זאָגנדיק: גוט מאָרגן! דערנאָך פֿאַרשווינדט דער קאָפּ און עס באַווייזט זיך אַ הויכער פּויער מיט לאַנגע, פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול, וואָס לאָזן נאָך זיך אַ קענטלעכן צייכן. דאָס פּנים איז ביי אים רויט פֿון היץ, טראָפּנס שווייס רינען פֿון די פֿייכטע האָר, און ניט אויסצורײדן קיין וואָרט, קנעפּלט ער אויף זיין פּאַלטאָ, דערנאָך דעם זשילעט און שלעפּט פֿון דאָרט אַרויס און גיט איבער אַ בריוול ר׳ יחזקאלן.

בעת ר׳ יחזקאל לייענט, ווענדט זיך דערווייל ר׳ טוביה צום פּויער. ר׳ טוביה רעדט צו אים, דער פּויער ענטפֿערט אים אָבער נישט. ער קוקט אויף ר׳ יחזקאלן, וואַרטנדיק אויף עפּעס.

— דעם וואָגן שפּאַנען! איך אַליין פֿאָר קיין טריסק.

— איך האָב דעמאָלט באַלד נישט געהייסן גיין מיט וואַסער, צוויי וואָכן פֿאַר די ימים טובים, ווער ווייסט וואָס ס׳קען זיך מאַכן? ביי די ערשטע פֿרעסט, אַז עס נעמט געזונט... — זאָגט ר׳ טוביה צו ר׳ יחזקאלן מיט אַ מין ווייכן געבייזער, אַליין שוין פֿאַרשטייענדיק אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— פֿאַרפֿאַלן, דאָס האָלץ שטעלן האָב איך געמוזט, די טראַטוועס זיינען געווען געבונדן גאַנץ גוט, די שטריק שטאַרק, די טעג שיין, גיי רעכן זיך! וואָס קען מען מאַכן, עס איז געווען מן־השמים, גיי רעכן, אַז פֿאַר חנוכּה וועט זיך די ווייסל שטעלן.

— מען דאַרף אַנטעקן און סאָקאָלסקין מיטנעמען, אויפֿן בוידעם ליגן עטלעכע הונדערט שאָק פֿרישע „סטראָנקעס‟. די האַקעס, די שטריק

— גיט אָן עצה ר׳ טוביה.

— דאָס איז הייבט אָן זיך רירן, שרייבט מען מיר. גאָט זאָל געבן, אַז די קראַכעס זאָלן נישט זיין גרויס, נאָר טריסק, דאַכט זיך, איז אַ שטיל אָרט, עס איז נישט שטראָמיק, און מיט גאָטס הילף, ווען דאָס איז זאָל נאָר נישט מיט אַ מאָל ברעכן, וועט מען קענען דאָס האָלץ ראַטעווען

— זאָגט צום סוף ר׳ יחזקאל.

— מיט גאָטס הילף.

— קיין גאָמבין דאַרף מען די גאָמבינער צוויי הונדערט רובל שיקן, און בצלאל צו ר׳ אַברהם פּלאָצקער, זאָל ער אין שעמעניק קויפֿן. איך האָב מורא, אַז די שעמעניצער זאָלן נישט די שעפּסן אויסכאַפּן, לאָזן טאָר מען זיך נישט.

און ריידנדיק, זיינען זיי ביידע אין דער צווייטער שטוב אַריין.

דער עולם איז האַלבלעך געווען אין הויף ביים שפּייכלער די תּבואה אָפּוועגן, אין דער שטוב זיינען נאָר געווען די אורחים, וואָס זיינען גע־קומען ביי נאַכט מיט תּבואה אין שטוב אַריין. און נאָך צוויי שטאָטישע מעקלערס, איינער אַ ייד אין אַ גוייש היטל, מיט אַ קראַגנדל און אַ קורץ רעקל און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט — דאָס איז געווען „קאָזעק‟, דער פּריצישער מעקלער, ער איז געווען געשיקט פֿון דער צוקערניע פֿון אַ פּריץ צו ר׳ יחזקאלן. ביי יעדן וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער דערמאָנט דעם פּריץ מיט דער צוקערניע. דער צווייטער איז געווען ר׳ כאַצקל עפּשטיין, אַ ייד אַ חסיד, אַ מאָל אַליין אַ סוחר, היינט אָן אָפּגע־קומענער, אַ מעקלער איז ער געוואָרן נאָר איבערן נאָמען עפּשטיין: עפּעס דער נאָמען פּאַסט צום געשעפֿט. ער טראָגט אַ שטענדיק באַפֿלעקטע און צעריסענע קאָם־זיידענע קאַפּאָטע, וואָס האָט נאָך נישט דעם נגידישן גלאַנץ אָנגעוואָרן.

ר׳ יחזקאל האָט די יידן שלום־עליכם אָפּגעגעבן, און איידער זיי האָבן נאָך אָנגעהויבן אַ וואָרט אויסריידן, האָט ער זיי צום כּיור געשטופּט נאָך זיך, אַז זיי זאָלן זיך וואַשן צום עסן. דעמאָלט איז אין שטוב אַריין אַ הויכע, דיקע יידענע אין אַ ברייטער שירץ. דער דיקער באַנד פֿון אירע שליסעלעך קלינגען און זאָגן־אָן, אַז זי קומט, און די בריליאַנטענע אוירינגלעך בלאַנקען אין אירע אויערן. זי האָט אַ ריין, ווייס טישטוך איבערן פֿאַרשריבענעם טיש געלייגט, און זאָגנדיק צו די מאַנספּערשוינען מיט אַ ברייט באַלעבאַטיש קול: ר׳ טוביה, וואַשן, ר׳ נאָטע שאַבלינער, וואַשן — האָט זי צום טיש געגרייט.

kernels and examines them; he pops one into his mouth and asks of no one in particular, "What's the market today?" He gets no answer, so he cracks the kernel in his teeth and creases his brow as though he would discover by himself the answer that no one has offered.

This room is the village market place. Little merchants go around buying grain from the peasants, and they sell it here in "Reb Yechezkiel's granary." In this room all sorts of affairs are arranged, not only matters of business with Reb Yechezkiel but all sorts of side affairs between one customer and another. For if a Jew has a little private business to negotiate, or if a young man wants to take his first step away from the study table and get into business, he will come and pass his time in this room.

In the house there is a special little room known as the office—for Reb Yechezkiel himself. In front of a square desk sits Reb Yechezkiel—a short, thickset patriarch, with a round white beard, holding his glasses on his nose with one hand. A lens is always falling out, and Reb Yechezkiel picks it up, cleans it with his kerchief, and sets it back in place on his nose while he's asking something or answering something in his endless discussions with his man, Reb Toby. Reb Toby, a tall fellow with a thin face, replies to Reb Yechezkiel with alacrity, and with a little cackle as if to say, "Everything is fine; everything is going fine."

Wrapped in his long, ample sleeping coat, with his four-pointed hat on his head, Reb Yechezkiel sits there rolling a bit of bread dough between his fingers, giving ear to his man. For a moment he frowns, then he smiles again, as one who is ready to advise his helper. He pulls open a drawer, takes out a document, and instructs Reb Toby, "Wolf had better write to Danzig that the first transport has gone off."

A door opens, and at first a head appears, saying, "Good morning," then it disappears, and then a tall peasant comes into the room, his high muddy boots leaving a distinct track behind him. His face is red with heat, drops of sweat run from his damp hair, and without a word he flings open his coat, and then his vest, pulling out a letter, which he hands to Reb Yechezkiel. While Reb Yechezkiel is reading, Reb Toby goes over to the messenger, plying him with questions. But the peasant stands dumbly. He keeps his eyes on Reb Yechezkiel as though waiting for a signal.

"Hitch up the wagon! I'll go myself to Trisk!"

"I said from the first—you can't trust the water! Even then. Two weeks before the holiday—who knows what can happen! If the first frosts are strong..." Reb Toby drums to Reb Yechezkiel with a sort of soft insistence, for he already understands what has happened.

"It's lost! I had to have the lumber in readiness there. The rafts were strongly tied. The rope was thick. And the weather was good. How can you know what will happen? What is there to do? It's an act of God. How could anyone predict that before Hanukkah the river Vistula would break and—"

"We have to take along Antek and Sokolofsky—and axes and plenty of rope," Reb Toby advises.

"That goes without saying. They write to me that God should only grant that the storm may not be too violent. And Trisk, it seems to me, is a sheltered spot. It's not windy. And with God's help, if only there shouldn't be a sudden storm, we may yet be able to save the logs," Reb Yechezkiel concludes. "With God's help."

"We have to send two hundred rubles to the squire. And Reb Abraham Plotsker had better buy what he needs in Shaminitz. I am afraid the Shaminitzers will buy up all the sheep before we know it. We can't let them do that to us." And still talking, they go into the other room.

About half of the dealers were already in the yard, clustered around the scales where the grain was being weighed. In the house there remained only a few of the last arrivals who had brought their wagons of grain during the night. There were also two traders from the city—one fine Jew in a goyish hat, wearing a collar and a short coat and carrying a stick in his hand. This was Kazak, the trader for the big landlord, the Paaritz. He had been sent from the big landlord's sugar refinery to Reb Yechezkiel. With every second word, he brought in the landlord and his sugar refinery. The other was Reb Zekiel Epstein, a Chassid, who had himself once been a grain dealer, buying produce directly from the farms. Now he was above all that. He had become a broker in his own name. He wore a long imitation-silk coat always torn and spotted; however, it had not yet lost the silken shimmer of its earlier days.

Reb Yechezkiel greeted all the good Jews with a hearty *"sholem aleichem"* and herded them over to the washbasin before they could utter a word, so they could wash before eating. Then a tall heavy woman in a broad apron came into the room. Her heavy rattling bunch of keys heralded her arrival; her diamond earrings

די אורחים האָבן זיך געלאָזט שטופּן צום כּיור. פֿון הינטן איז געגאַנגען דער מעקלער עפּשטיין. מלכּהלע האָט ברויט אויפֿן טיש אויפֿגעלייגט, דער עולם האָט זיך אַרום טיש געזעצט. פֿון דער קיך האָט זיך געטראָגן דער ריח פֿון געפּרעגלטע ציבעלעס און די פּאַרע פֿון רויטן באָרשטש, וואָס האָט דערמאָנט אָן פּסח און האָט געוועקט די תּאווה צום עסן. עפּשטיין איז געזעסן ביים טיש, ווי איינער פֿון די אורחים, האָט געגעסן און גערזאָגט גלייכווערטלעך. דער צווייטער מעקלער, קאַזעק, איז געזעסן אין אַ ווינקל אויף דעם אָנליין פֿון שטול און זיך די וואָנצעס געדרייט. ער איז געזעסן אויף אַזאַ שטייגער, אַז מען וויל האָט מען געקענט מיינען, אַז ער זיצט ביים טיש, און אַז מען וויל, קען מען מיינען, אַז ער זיצט נישט ביים טיש. ער האָט געקוקט אויף עפּשטיינען פֿון דער הייך. נאָר די דינסט, ווייזט אויס, האָט זיך טועה געווען און אים געמוזט רעכענען, אַז ער זיצט אויך ביים טיש, וואָרעם זי האָט פֿאַר אים אויך אַנידערגעשטעלט אַ טעלער. ער, הייסט עס, האָט זיך אויך טועה געווען און צוגערוקט זיך צום טיש, עסנדיק אויך אויף אַזאַ שטייגער, אַז מען וויל קען מען מיינען, אַז ער עסט ביים טיש, און אַז מען וויל קען מען מיינען, אַז ער פֿאַרזוכט נאָר...

*

אין הויף איז איצט גאָר אַן אַנדער לעבן. אַ פֿאַר־פּורים־טאָג. דער ווינטער איז נאָך אויף דער ערד, אָבער דער פֿרילינג שמייכלט שוין פֿון הימל אַראָפּ, און פֿון אַלע פֿיר זייטן וועלט. דער לאַנג־געפֿרוירענער שניי, וואָס איז דורכן ווינטער אַ צווייטע ערד געוואָרן, צערינט און צעגייט ווי שניי אין וואַסער. דער זונס ליכטיקע טעכטער — די שטראַלן — בלאָנדזשען אין דער בלאָטע אַרום. אין הויף איבער די קעפּ פֿליען טויבן אַהין און צוריק, קומען אויף דער ערד אַראָפּ, כאַפּן אַ קערנדל האָבער און מיט אַ גדולה פֿאַרשפּרייטן זיי זייערע ווייסע פֿליגל און מאַכן פּליטה. אין הויף זיינען קערנער האָבער פֿאַרוואָרפֿן, דער הויף איז אין שפּע איינגעטונקט... און הינער דרייען זיך, פּיקן די קערנדלעך און וואַרפֿן זיך יעדערן פֿאַר די פֿיס. ביי דער שטאַל אויף אַ קייט, אונטער אַ ביידל ליגט בורעק, אַ גרויסער קודלוואַטער הונט. ער שטעקט זיין דיקן קאָפּ אַרויס און וואַרט אויף אַ באַפֿעל. אין הויף, ווי אין ישעיהו הנביאס צייטן, דרייען זיך אַרום אַ ווייסע ציג מיט געדרייטע הערנער און אַ נידעריקער שעפּס, וואָס זיי האָבן צוזאַמען שותּפֿות געמאַכט און ציפּן צוזאַמען פֿון די בינטלעך היי, וואָס ליגן אויף דער פֿור אין מיטן הויף.

אויף דער צווייטער זייט הויף ליגן איינגעפֿרוירענע ברעטער און קלעצער, האַלב איינגעזונקען אין שניי. יונגען קריכן איבער די קלעצער, דערגרייכן ביזן שפּייכלער. די טירן פֿון שפּייכלער שטייען אָפֿן, און פֿאַר די טירן שטייט אַ גרויסע וואָג. איינער לייגט אַרויף געוויכט אויף דער וואָג, און דער „שרייבער" (אַ יונגערמאַן אין אַ פּעלצל און אין אַ פֿוטערנעם קאָלנער) האַלט אַ ביכל אין דער האַנט און שרייבט דאָס געוויכט אין ביכל אַריין. דורך דער אָפֿענער פֿאָרטקע קומען אַריין צו פֿאָרן איין פֿור נאָך דער צווייטער, מען נעמט זעקלעך אַראָפּ, מען וועגט אָפּ, און מען טראָגט זיי אין שפּייכלער אַריין.

נאָטע דער יונג ביי די פֿערד, אַ הויכער ברייט־ביינִיקער, פֿון ר' יחזקאלס „גוואַרדיע", מיט אַ שוואַרץ, אָפּגעברענט געזיכט, מיט ליכטיקע צוויי גרויסע אויגן, וואָס קוקן פֿון דער ווייטנס ווי צוויי שטורקאַצן, פֿירט אַרויס פֿון שטאַל צוויי הויכע פֿערד, בולאַנעס. איינס פֿון די פֿערד האָט אויפֿן שטערן אַ שוואַרצן רונדיקן פֿלעק, וואָס האָט פֿון צווישן זיין גרויען שאָקאָלאַד־קאָליר ווי אַ שוואַרץ אויג געשיינט. די האָר ביים האַלדז זיינען בייביידע פֿערד געווען צעקעמט און איינגעפֿלאָכטן אין פֿלעכטלעך. די האָבער־קינדער זיינען געווען ר' יחזקאלס ליבלינגען. זיי האָבן אים פֿאַרשטאַנען, האָבן געוואוסט, ווען דער וועג איז נייטיק. די בייטש האָט מען נאָר פֿאַר פּאַראַד געהאַלטן. עס איז נאָך נישט געווען דער פֿאַל, אַז זיי זאָלן אים שבת אין וועג איבערלאָזן. זיי האָבן עפּעס ווי געפֿילט, ווען עס איז פֿרייטאָג און מען דאַרף זיך אויף שבת אַהיים איילן. ער האָט זיך געקענט אויף זיי פֿאַרלאָזן. און ווען זיי פֿלעגן אַזאַ שטיקל ווייזן, האָט ער זיי אַליין מיט זיין האַנט געגלעט...

געזאָגט האָט מען, אַז ר' יחזקאלס פֿערד זיינען נשמות פֿון אַלטע בעלי־חובות, וואָס זייערע וועקסלען ליגן נאָך ביי אים אין שאַנק, און זיי קענען נישט קיין רו אין קבֿר האָבן, ביז זיי וועלן אים דעם חובֿ נישט אָפּצאָלן...

נאָטע האָט געטראָגן זיין ווינטערדיק קורץ פּעלצל מיט לאַנגע לעדערנע שטיוול און אויפֿן קאָפּ דאָס זעלנערישע רונדיקע פֿוטערן היטל, אויף וועלכן עס האָט נאָר דאָס בלעכל געפֿעלט. און מיט אַ מין רחבֿותדיקייט האָט ער זיינע חבֿרים צוגעפֿירט צום וואָגן, זיי די כאָמעטעס מיט די מעשענע קאַנטן אויף די העלדזער אָנגעטאָן, און מיט דעם נייעם געשפּאַן אויסגעצירט. דערנאָך האָט ער די בלויע בענדערנע לייצעס ביים דישל פֿאַרבונדן און ער האָט זיך גענומען צום געזעס. אַנטעק האָט פֿון בוידעם די האָקעס מיט די שטריק אַראָפּגענומען און זיי אונטערן געזעס פֿאַרפּאַקט. אַריינגייענדיק אין שטאַל, האָט דערווייל נאָטע אין פֿענצטער פֿון דער קיך אַן אויג געוואָרפֿן, זיין אויג האָט זיין שליחות דערפֿילט, און באַלד נאָך אים האָט זיך נאָכגעלאָזט יענטע דאָס דינסט־מיידל. דאָס רויטע, געזונטע בלוט, וואָס האָט אין אירע דיקע, פֿליישיקע הענט געברונען, האָט דורך דעם צעריסענעם קאָפֿטן אַרויסגעשפּראָצט. אירע שוואַרצע לאָקן איבערן רויטן געזיכט און די שוואַרצע אויגן מיט די שוואַרצע, שאַרפֿע ברעמען אין איר יונג־בלוטיק געזיכט האָבן ווערטער גערעדט — פֿייער און פֿלאַם. זי איז פֿלינק אַריין אין שטאַל נאָך נאָטען, און נישט רײדנדיק קיין וואָרט, האָט זי פֿון אונטערן קאָפֿטן אַ האַלבע געקאָכטע הון אַרויסגענומען און אים דערלאַנגט.

נאָטע האָט עס צוגענומען, עפּעס ווי עס קומט אים דאָס.

זי האָט נאָך געוואַרט...

ער האָט געוואוסט אויף וואָס...

און ווייל זי האָט געוואָלט, וויל ער דווקא נישט. זי הייבט אויף אַ שטרוי און מאַכט זיך אַרויסגייענדיק.

איצט וויל ער. ער כאַפּט זי אָן, נעמט זי פֿעסט אַרום מיט ביידע הענט, און האַלטנדיק אין די אָרעמס די בייטש, זאָטלט ער איר אָן אַ גראָבן קוש אויף דער באַק.

flashed. She placed a clean white tablecloth upon the chalked-up table, and in a solid housewifely voice, she commanded the men, "Reb Toby, wash your hands. Reb Nota, go wash." Then she set the table.

The guests permitted themselves to be hustled to the washroom. Epstein, the broker, was the last. Malka set bread on the table, and everyone sat down. From the kitchen came the odor of frying onions and the steaming aroma of red borsch, which brought memories of Passover and awakened everyone's appetite. Epstein sat at the table in full equality with the other guests; he traded witticisms from the Torah as he ate. The other broker, Kazak, sat in a corner on the edge of the bench and twirled his whiskers. He sat in such a way that if one wished one could believe that he was sitting at the table, and if one wished one could believe that he was not sitting at the table. He looked down upon Epstein from his height. But the serving girl, it seemed, made a little error and counted him as a guest at the table, for she put a plate before him. He too, it seemed, made an error and turned toward the table, partaking of the food in such a way that if one wished one could consider that he was eating, and if one wished one might consider that he was merely tasting.

In the yard, there was altogether a new life. Just before Purim, winter still lies on the earth, but spring already smiles down from heaven and approaches from all four corners of the world. The long-frozen snow, which formed a second surface over the earth during the winter, now melts and dissolves. The sun's bright daughters, the warm rays, flicker in the mud. Pigeons fly back and forth over the yard. They descend and light on the ground, snatch up a kernel of oats, proudly spread their white wings, and are off. Grains of oats are scattered over the yard. Hens wander about, pick up the grains, and get underfoot. Chained in the stable to his kennel lies Borak, a large shepherd dog. He sticks out his thick head and waits his chance. As if in fulfillment of the prophecies, a white goat with twisted horns wanders around the yard with a little sheep. They have formed a partnership and sport together in the bundles of hay lying on a wagon in the middle of the yard. On the other side of the yard frozen boards and planks lie half buried in the snow. Children swarm along the boards, heading for the granary. The doors of the granary are open; in front of them stands a huge scale. One man piles sacks on the scales, and the record keeper, a young man in a fur-collared coat, holds a notebook in his hand and writes down the weight. Through the open gates one team after another drives into the yard. The drivers unload their sacks, weigh them off, and carry them into the granary. Nutta, the young stableman, a tall broad-boned fellow from Reb Yechezkiel's establishment, with a dark sunburned face and large bright eyes that look from the distance like two storm lanterns, leads a pair of tall horses out of their stalls. One of the horses has a round black mark on his forehead that shines like a dark eye out of his chocolate-colored coat. The manes of both horses are combed and braided. This pair is the favorite treasure of Reb Yechezkiel. They understand him and they know when his journey is urgent. The whip is carried only for show. There has never yet been a time when these horses have left him stranded on the road over Sabbath. They seemed to sense the coming of evening on Fridays so as to race home before Sabbath fell. He could rely on them. And when they showed their mettle, he stroked them with his own hands.

It was said that Reb Yechezkiel's horses were the souls of one-time debtors whose signatures still lay in his keeping and who could not rest in their graves until they had worked out their debts to him.

Nutta was dressed in his short winter jacket with high leather boots. On his head he wore a round military fur hat; only the insignia was missing. And with a friendly air he led his companions in labor to the wagon, placed the halters around their necks, and hooked them up in their new harness. Then he tied the blue reins to the whip and took his place on the driver's seat. Antek picked up the weight and the rope from the ground and shoved them under the seat.

While going into the stables, Nutta threw a glance into the window of the kitchen. It was successful, for he was almost immediately followed by Yente, the serving girl. The glow of her healthy red blood in her thick fleshy arms was visible through her torn smock. Black locks framed her sooty young face, and her black eyes under the sharp black brows spoke fire and flame. She slipped into the stable after Nutta, and without saying a word, she brought a half a roast chicken from under her smock and handed it to him. Nutta accepted it as a matter of course. She waited. He

— נו, זאָלסט אַזוי לעבן, אויב דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן — זאָגט זי צו אים, אָוועקנעמענדיק איר געזיכט.

— פֿלינקער, די באַלעבאָסטע גייט. כאַפּ... — מאַכט ער צו איר און שטופּט זי אַרויס.

זי דערשרעקט זיך, כאַפּט זיך אויף, אָבער באַלד איבערצייגט זי זיך, אַז ער האָט זי אָפּגענאַרט, בלייבט זי שטיין בײַ דער שוועל פֿון שטאַל:

— צעברעכן זאָלסטו די הענט און די פֿיס אויפֿן וועג! — זאָגט זי מיט אַ שעלמיש געלעכטערל אַרויסלויפֿנדיק.

— דו, סוקע איינע — לאָזט ער זיך נאָך איר.

דאָס שרײַבערל בײַ דער וואָג, באַמערקנדיק ווי זי לויפֿט אַרויס פֿון שטאַל, ווינקט ער צו אַנטעקן דעם הויף־וועכטער.

— פּשאַ קרעוו — לאָזט זיך אַנטעק נאָך איר.

זי שטעקט אַרויס אויף זיי די צונג און ווערט פֿאַרשוואונדן אין פּירהויז פֿון דער קיך.

אַ קנאַק פֿון נאָטעס בײַטש און אַן עזותדיק רעשן פֿון רעדער האָבן צו וויסן געגעבן, אַז די פֿור שטייט שוין פֿאַר דער טיר געשפּאַנט.

און באַלד האָט מען אָנגעהויבן טראָגן פֿון שטוב אויפֿן וואָגן פּעקלעך און פּעקלעך. ר׳ יחזקאל רירט זיך נישט אין וועג אַרײַן אָן צדה־לדרך. ר׳ יחזקאל האָט זיך געוויזן אין גרויסן, ברייטן שאָפּן־פּעלץ, דעם ווינטער־דיקן פּאַלטאָ מיט די ברייטע אַרבל האָט מען איבערן געזעס געלייגט (וואָרעם אַ טאָג איז געווען אַ שיינער, דער פֿראָסט האָט געלאָזט, און די זון האָט אין הימל געלאַכט), נאָך אים זײַן ווײַב מלכּהלע — מיט אַ ברכה אויף די ליפּן, און חבֿרה קינדערלעך, קליינע און גרויסע, טייל האַלטנדיק אין די הענט גמרות — מיטגענומען אין חדר אַרײַן נאָכן אָנבײַסן, קלע־נערע — בייגל מיט פּוטער, נאָך טייל האָט דער באַהעלפֿער אונטער־געשטופּט: „אין חדר אַרײַן”. די קינדער אָבער, מערסטנטייל אין פּעלצלעך אָנגעטאָן, וואַרטן אַרום דער פֿור.

— זיידעשי, זאָל דער זיידעשי פֿאָרן געזונטערהייט!

— בלייבט געזונט און לערנט מיט חשק! — האָט זיי דער זיידע איטלעכן באַזונדער די האַנט געגעבן, פֿון דער הויזן־קעשענע אַ גרויסן בײַטל אַרויסגענומען און די קינדער לעצט־געלט געטיילט.

פֿון דעם פֿענצטער פֿון צווישן די צוויי געהאָפּטענע גאָרדינען האָט אַ מיידלס געזיכט אַרויסגעשיינט. דאָס האַלבע געזיכט, אַן אײַדל גע־רייטלטע באַק מיט אַ שוואַרצן זײַדענעם לאָק און מיט אַ בלויען באַנד פֿאַרבונדן, האָט אײַדל און אַריסטאָקראַטיש פֿון דער ווײַטן צום פֿאָטער אַהין געשאָקלט:

— פֿאָר געזונטערהייט, טאַטעשי!

ר׳ יחזקאל איז אויפֿן וואָגן אַרויף. זיצנדיק אויפֿן וואָגן, האָט ער נאָך עפּעס מיט ר׳ טוביהן, זײַן מענטש, גערעדט, געזעגנט זיך, און אַהין געשאָקלט צו מלכּהלען: בלייב געזונט, בלייב געזונט! דערנאָך צום מיידלס ליכטיקן געזיכט: בלייב געזונט, לאהלע! און צו די אייניקלעך פֿון וואָגן אָנגעזאָגט:

— איר זאָלט באַגערן צו לערנען!

אין אַ ווינקל איז יענטע געשטאַנען. אירע הענט האָט זי אויפֿן האַרץ פֿאַרלייגט און געקוקט אויף נאָטען, ווי ער זיצט זיך שטײַף און שטאַרק אויף דעם קאַרשל אין זײַן קורץ פּעלצל, און דאָס ממזרישע וואָוילײַנגערישע היטעלע ווינקט אַראָפּ צו איר. ער האַלט די לייצעס אין דער האַנט, גרייט אין דער וועלט זיך צו לאָזן, ווי זײַנע פֿערד, די חבֿרים, וואָס קענען נישט אײַנשטיין און האַקן מיט די פּאַדקאָוועס אויף די שטיינער.

יענטע האָט געשמייכלט.

נאָטעס אַ קנאַל פֿון דער בײַטש האָט איר אַ גרוס אָפּגעגעבן: בלייב געזונט, יענטע!

די סאָפּנדיקע פֿערד האָבן זיך אין דער וועלט געלאָזט, אויסמײַדנ־דיק דאָס שטילע, רואיקע, פֿרימאָרגנדיקע שטאָט־געסל — און נאָטע מיטן זעלנערישן היטל איז ערגעץ־וואו פֿאַרשוואונדן געוואָרן...

אין דער שטוב בײַ ר׳ יחזקאלן איז איצט שטיל. דער עולם האָט די געשעפֿטן אָפּגעמאַכט. די פֿרעמדע, וואָס זײַנען בײַ נאַכט געקומען, האָבן זייערס פֿאַרקויפֿט, אײַנגעשפּאַנט און אָפּגעלאָזט זייער אָרט אַנדערע סוחרים, וואָס וועלן קומען בײַ דער נאַכט. די גרויסע קאַנאַפּע זעט זיך ערשט איצט אַרויס מיט איר לעדערנעם, אַלט־מאָדישן איבערציער און מיט אַלע אירע גריבער און בערגער, וואָס זײַנען אין איר. דער לאַנגער טיש אין מיטן שטוב איז באַשריבן מיט קרייד, דער שוואַרצער אויוון איז באַשריבן, די הויכע שאַנק איז באַשריבן און אַלע שטולן און בענק זײַנען „אָנגערעכנט”, און די רעכענונגען אויף טיש און בענק, אויף שראַנקען און ווענט זעען אויס ווי כּלי־זיין, וואָס די זעלנער האָבן זיי איבערגעלאָזט אויפֿן שלאַכט־פֿעלד און זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון זיי. און די רעכענונגען קוקן איינע די צווייטע אָן, און קריגן זיך, און שטעכן איינע דער צווייטער די אויגן אויס...

באַלד זײַנען אַרײַנגעקומען צוויי נידעריקע, פֿעטע יונגעמאַנטשיקלעך: כאַצקל און בערל, מיט נידעריקע, רונדיקע בײַכלעך. די משפּחה־גריבעלעך בײַ זייערע נאָז־ווינקלען זאָגן אויס, אַז זיי זײַנען ברידער. זיי זײַנען ר׳ יחזקאלס שוועסטער־קינדער. אַ מאָל זײַנען זיי צוויי יונגע לייטלעך אויף קעסט געווען — היינט זײַנען זיי אויך נאָך קעסט־יונגע־לייטלעך — נאָר זיי דרייען זיך שוין אין שטוב אַרום. משפּחה מיט דער שטוב, קומען זיי נאָכן אָנבײַסן צולייגן זיך אויף דער קאַנאַפּע, פֿאַר מיטאָג.

ביידע מיט אַ מאָל, ווי עס פּאַסט פֿאַר צוויי ברידער, האָבן זיי זיך בײַנאַנד אויף דער קאַנאַפּע אַרויפֿגעלייגט. די פּאָלטנס אויסגעטאָן, קונציק זיי פֿאַר קישעלעך געמאַכט און אונטער די קעפּ זיך אַרונטערגעלייגט. צו ערשט האָבן זיי אין דער שטיל, אַזוי ווי עס וואָלט זיי אַ שאָד זײַן אויף דעם אַ וואָרט אויסצוניצן: געשטופּט זיך, געשטויסן זיך. יעדערער האָט פֿאַר זיך דעם אַלנעבער געוואָלט. נאָר ווי זיי האָבן אָן ווערטער זיך גע־קריגט, אַזוי האָבן זיי אויך אָן ווערטער צווישן זיך שלום געמאַכט. איינער האָט דעם אַלנעבער גענומען, און דער צווייטער האָט זיך צופֿוסנס געלייגט.

knew what she was waiting for. And contrariwise, since she wanted, he didn't. He picked up a bit of straw and seemed to be on his way out. And now he wanted. He seized her and imprisoned her in both his arms, still holding the whip in his hand. He paid her with a fat kiss on the cheek.

"You think I believe you'll marry me? You should live so!" she said, pulling away.

"Quick, the mistress is coming. Run!" He gave her a little push. She became frightened and started away, but in a moment she realized he was teasing her. The girl paused at the stable door. "I hope you break your arms and legs on the way!" she flung at him with a laugh as she ran off.

"You witch!" he called after her. The weighman, seeing her running out of the stables, winked to Antek, the yardmaster. "Goddam!" Antek called after her. She stuck out her tongue to him and disappeared in the cooking shed.

Reb Yechezkiel wept like a little child, and if he had not been abashed before the Chassidim, he would have kissed his old wife. Instead he seized his partner Reb Chaim by his coat and hugged him.

The mothers could not be found, and from all sides people were shouting "Brandy! Honey cake!" and the old men continued to embrace each other. Ozarel had slipped in among the women and was becoming extremely friendly with the other Iteh, speaking to her almost entirely in German. The little ladies' man with his dented top hat now came to life. He appeared as though out of the earth, and he made peace with the *rebbetzen* and immediately became friendly with all the women of the other side, telling all sorts of little jokes, except that he had a great fear of the other Golde with the feather in her bonnet. He feared her like burning fire and kept his distance.

And then from the kitchen, old Rachel Leah danced in toward the bride, carrying a platter of cakes and delicacies.

דער עולם האָט אַ וועג געמאַכט. אין דער טיר האָט זיך געוויזן אַ צוג ווייבער, מיט דער רביצין אין מיטן. פֿון איר הויכן גלאַנצנדיקן שטערן האָט דער שטערנבאַנד, באַפּוצט מיט ברילִיאַנטן, גאָלד און פּערל, אַראָפּגעשײנט מיט אַ שבת־מלכותדיקן גלאַנץ און אַרום פֿאַרשפּרייט דאָס מלכותדיקייט און געזאָגט: „גוט שבת!" די גרויסע ברילִיאַנטן פֿון די לאַנגע אוירינגלעך, פֿון הינטער דער שבת־הויב, ווי גרויסע שבת־טראָפּן, און די שנירלעך פּערל, וואָס זיינען געווען פֿאַרצויגן איבער דעם האַרץ אויף דעם זיידענעם קלייד, ווי פֿאַרגליווערטע, אומשולדיקע טרערן, האָבן באַשײנט, האָבן באַגלאַנצט דאָס מלכותדיקייט. איבער דעם שבת־מלכותדיקן געזיכט איז געווען אויסגעגאָסן דער יידישער שטאָלץ, דער יידישער חן. אַרומגערינגלט פֿון די שניר און די טעכטער, איז זי צו צום טיש. די זיידענע קליידער האָבן נאָכגעשאָרכט, די ברילִיאַנטן און פּערל האָבן די אויגן פֿאַרבלענדט און דרך־ארץ פֿאַרשפּרייט.

דער רבי האָט גענומען דעם הייסן זילבערנעם בעכער, פֿול אָנגעגאָסן מיט וויין און האָט קידוש געמאַכט: „ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו — און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט".

און דער רבי האָט אים געהייליקט. די קדושה האָט צווישן עולם איבער די קעפּ אַרומגעשוועבט, זי איז אַרויס דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער אין גאָטס פֿאַרסודעטער וועלט אַריין, און אַלץ, אַלץ, די גאַנצע וועלט פֿון וואָכעדיקן געהויבן, דערהייכט און פֿאַרשבתט.

*

אין געסל איז שוין פֿינצטער. די שטערן, טיף איינגעזעצט אין טיפֿן בלויען הימל, זעען־אויס ווי שבת־ליכטלעך, וואָס גייען אויס אין אַ יידישער שטוב, ווען דער עולם איז אַרום טיש ביי די מעשה־ביכלעך איינגעשלאָפֿן. דאָ און דאָרט האָט נאָך אין אַ פֿענצטער געברענט אַ שבת־ליכטל, געהאַלטן ביים אויסגיין, און פֿון אָפֿענעם פֿענצטער האָט זיך נאָך געהערט אַ פֿאַרשלאָפֿן, אויסגייענדיק זמירות. דעם רבינס קידוש האָט זיך אויסגעשפּרייט אין אַלע פֿיר עקן וועלט, צווישן נאַכט, הימל און ערד, און איז פֿאַרשלאָפֿן געוואָרן פֿאַר מתיקותדיקייט... ווייט אין דער גאַס האָבן זיך געהערט טריט פֿון די יידישע שומרים, וואָס האָבן ביי נאַכט דאָס שטעטל געהיט, אַז מען זאָל עס נישט אונטערצינדן...

פֿון דעם רבינס אָפֿענע פֿענצטער האָט דאָס זינגען הויך, ברייט און ווייט אין דער גאַס זיך אַ וועג געמאַכט.

צוויי ווייסע בערד, צוויי ווייס־גרויע קעפּ האָר, האָבן זיך אין דער טונקעלער נאַכט געוויסט. געווען זיינען עס ר' יחזקאל און ר' חיים, צוריקגייענדיק פֿון רבינס קידוש.

פֿון דעם בית־המדרש פֿענצטער האָט נאָך אַרויסגעדרונגען אַ קליין, פֿאַררויכערט ליכטל, און אַ האַלב פֿאַרשלאָפֿן קול פֿון גאַנץ פֿאַרשלאָפֿענע יידן האָט זיך געלאָזט הערן.

זיי זיינען אַריין אין בית־המדרש.

ביים טיש וואָס איז שוין קוים באַלויכטן פֿון אַן אויסגייענדיקן לאָמפּ, זיצט דער רב, אַרום אים באַלעבאָטים, פֿאַרמאַטערט פֿון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט, און לערנט מיט זיי די סדרה פֿון דער וואָך:

— ואתחנן אל ה' בעת ההיא לאמור: „האָב איך מיך געבעטן ביי גאָט אין יענער צייט, אַזוי צו זאָגן".

אַ גרויס דעמפּיקייט האָט געדריקט צווישן דעם קליינעם, האַלב־פֿאַרשלאָפֿענעם עולם.

צווישן עולם האָט דער הויכער בלינדער לייב שוסטער אַרויסגעשטאַרט, און הויך אויפֿן קול צוגעשנאָרכט...

די באַלעבאָטים האָבן זיך פֿאַרשעמט.

קאַפּיטל אַכט

# צומאָרגנס

שבת אין דער פֿרי. די זון גייט אויף אין הימל, איבערן שטעטל ציט זיך דער ליכטיקער טאָג. אַליין ווערט עס טאָג, פֿון שטעטל העלפֿט קיינער נישט צו. די געוועלבער זיינען פֿאַרמאַכט, פֿאַרהאַקט, עס וועקט זיך קיינער נישט. קומט אַ פּויער אין גאַס אָנצופֿאָרן מיט זיין פֿור, זעט עס קיינער נישט אָן. ער שטעלט זיך אָפּ די פֿערד פּאַשן און „האַלט שבת" אין מיטן גאַס... וואו־נישט־וואו און ווען־נישט־ווען ווייזט זיך אַ ייד אַ באַלעבאָס פֿאַר דער טיר, אין אַ פּאָר ריין געוואַשענע גאַטקעס, און גענעצט פֿראַנק־און־פֿריי אין דער וועלט אַריין. דאָרט גייט אַ ייד, אַ חסיד, צוריק פֿון מקווה און טראָפּנס וואַסער רינען אים פֿון די נאַסע פּאות אויף דים פֿריש־געוואַשענעם קאָלנער פֿון העמד, וואָס פֿאַרלייגט זיך מיט אַ באַזונדער באַלעבאַטישקייט איבערן קאָלנער פֿון פּאַלטאָ. אין מיטן מאַרק ווייזט זיך פּלוצלינג אַ הויכער, דאַרער ייד, מיט אַ לאַנגער ברייטער באָרד, און עפֿנט אַ גרויס מויל אויף און ציט אויס ווי אַ לאַנגן שנור:

— אין שו—ל—ל אַ—ר—יין!

הייבן זיך אָן ווייזן יידענעס אין ווייס געפּרעסטע ספּאָדניצעס, לויפֿן־צו און קלאַפּן אין לאָדן אַריין: שרהלע, מען האָט שוין גערופֿן! האַקן זיך פּרענטעס־אייזן, עפֿענען זיך לאָדן, און עס ווייזן זיך ווייסע שלאָף־מיצן פֿון די אויפֿגעעפֿנטע פֿענצטער. קוקן צום שטאָט־זייגער, וואָס איז אויפֿן טורעם פֿון ראָט־הויז: ווי שפּעט איז?

הייבן זיך אָן צו ווייזן אויסגעפּוצטע ווייבער. יידישע קינדער האָבן ליב צו סטראָיען זיך פֿון איין שבת צום צווייטן: אין אַלעם שענסטן, וואָס אַ יידענע האָט, וועט זי זיך אין דעם אויכצירן צו ווייזן זיך אין גאָטס הויז. דעמאָלט פֿלעגן זיין די ברייט־זיידענע קליידער, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פֿון אויבן שמאָל און זיינען וואָס ברייטער אַראָפּגעגאַנגען, אַזוי אַז די יידענע האָט אויסגעזען, גלייך זי וואָלט אין דער קלייד מיט אַ האַלב טוץ קינדערלעך. מען פֿלעגט ליב האָבן צו סטראָיען זיך אין קאָראַנקעס; ירושות פֿלעגט מען זיך איבערלאָזן פֿון מאַמע צו טאָכטער, רעכטע קאַלישער קאָראַנקעס. יעדער קאַפּטאַנדל איז אַרום די אָרבל און

up their goods and go home. Freshly washed boys hurry down the street with empty bottles to fetch the wine for the Sabbath blessing from the spirit shop. One by one the shops close. And at the end of the street near the inn, on the way to the cemetery, a figure glows red in a cloud of golden dust. The sky over the town grows dark, one hears the custodian of the synagogue passing through the streets, rapping on the doors to warn that the Sabbath is at hand. Candles are already seen in many windows. But the half-destroyed cottages, the remains of the charred ruins, look like poverty-stricken relatives who have come to a wedding, ragged, yet in velvet Sabbath hats. Before several of the houses, the housewives and their little daughters sit, combed and washed and dressed for the Sabbath.

In the streets all is quiet and peaceful; the Sabbath arrives on silent feet, spreading restfulness everywhere. The Christians' church bell rings as though for itself alone, announcing the hour of prayer in the church. From the little study house the Sabbath candles glimmer, and one might imagine there is a rivalry between the church bells and the Sabbath candles. Each is calling its own to itself; pious Christians, both men and women, go through the quiet streets of the village to their church, and freshly washed Jews, their white shirt collars turned over their Sabbath coats, walk to their house of prayer. Chassidim in satin and silk, with white-stockinged feet, go to their rabbi's house, and the little town becomes ever quieter, ever more peaceful, ever more Sabbath-like, as though it had been divided between the little study house and the church, each having taken its own unto itself. Through the freshly polished windows one may see the glimmer of candlelight and the glitter of candlesticks. Maidens begin to appear, strolling in the little street. And the call of the cantor, "Come, O beloved!" sings out to the accompaniment of the church bell. The singing and the ringing mingle and become a single prayer to a single God.

Reb Yechezkiel and his son-in-law, the bridegroom, appear in the street, on their way to the study house. Young girls appear in the doorways and on the doorsteps along the street; well-bred respectable daughters peer out through the open windows and whisper to each other, "Leabeh's groom." "Leabeh's groom!"

Maidens and future brides stroll along the synagogue lane, wearing the golden necklaces they have received from their future in-laws. On the other side of the street, the young men walk, the grooms in their satin coats and their silken girdles, with their black side curls, and they too are wearing their golden gifts, the watches they have received as engagement presents.

Suddenly the cry of a mother breaks the quiet of the night-enchanted street. "My child! my Yitzchackel!" Women and girls come rushing from all sides, crying, "What has happened? What is it?"

"Yitzchackel went off in the afternoon, and he hasn't come back. Woe is me! He was seen by the river."

The woman weeps into the quiet street. A group gathers around her, and they whisper the old superstition, "The river takes a life every year. The river takes a life every year."

And the night grows quieter and darker; Sabbath arrives with silent steps and spreads restfulness in the summer world. Far off, there where the heaven lies on the water, the secret of the woman's little boy Yitzchackel, who has disappeared, may be known.

The mother runs down to the river's edge, there where the sky meets the water, where they both lie stretched out together, there to uncover the secret, to find out what has become of her child.

Friday evening had come. In honor of the bridegroom, the table at Reb Zechezkiel's had been set out in the large room. They had added the wings to the large table, as they did only once a year at the Purim feast when all the children and grandchildren gathered together. Malka, the housewife, had not spared any candles. She knew quite well that the greater the number of Friday candles, the greater would be the blessings of the Lord. The large table was bedecked with silver candlesticks of the ancient six-branched kind. Everything in the room shone bright under the candlelight. In honor of the groom Malka had brought out the silver table service that was used only for the Purim feast, and she had set out the silver beakers at the head of the table. The Sabbath bread lay ready for Reb Zechezkiel, covered with the Sabbath bread cloth. On the right hand, the groom's Sabbath bread lay ready, covered with ceremonial cloth, embroidered in silver thread by Leabeh for her groom. Malka wore her white silk dress with cloth-of-gold trimming; it was cut in the old-time style with wide folds that fell one into another, and over it she wore the silken shawl with the blue fringes that her husband had brought from the

ביים האַלדז־מויל געווען באַהאַפֿטן מיט ברייטע, זיידענע קאַראַנקאָווע פֿריז־קעס. און אויפֿן קאָפּ אַזאַ מין האַלב קאַפּעלושל, צווי בלימלעך אויפֿגע־צויגן אויף צוויי דראָטן, אויפֿגעפּוצט אין דער היך, און אַרומגעהילט מיט אַ טערקישן טוך, וואָס מען פֿלעגט עס רופֿן „שול־טוך". יונגע ווייבלעך פֿון דער היינטיקער וועלט פֿלעגן טראָגן קראַגנדלעך מיט לאַנגע צוויי שפּיצן און פֿאַרבונדן מיט אַ לייפּציגער זיידן שאַלעכל; און די צוויי אויסגעהאַפֿטענע שפּיצן פֿון שאַלעכל זיינען געווען פֿאַרשלייפֿט אין אַ בריטן שלייף איבערן האַרץ. דאָס פֿלעגט זייער פּאַסן און פֿאַראיידעלן דאָס ווייבלעכע געשלעכט. און אויף דעם גלאַטן שייטל אַזאַ מין קאַפּעלוש פֿון שוואַרצע קאַראַנקעס מיט אַ לאַנגן, שוואַרצן פֿעדער, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט זיידענע צוויי בענדער איבערן האַלדז. מיידלעך, אַנגעטאָן שוין אין די שבתדיקע אָפּגעגלאַנצטע קאַמאַשלעך, אין די ווייסע אונטער־קליידער, שטייען אין די טירן, אין די פֿענצטער איבער דער גאַנצער גאַס, און מען קוקט נאָך. די אויסגעפּוצטע פּילן, אַז זיי גייען אויפֿן פּאַראַד, גייען זיי פּאַמעלעך, מיט אַ מינעלע .און אַ חנדל, ווייסן, אַז הונדערט אויגן קוקן איצט אויף זיי, באַטראַכטן אַלע זייערע מינעס, יעדער באַווע־גונג, און אַלץ וואָס איז אויף זיי, ווערט אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן אין הונדערטער מיילער... די יינגלעך פֿאַראויס, טראָגנדיק דער מאַמע, אָדער דער מומע דאָס סידורל מיט דער תּחינה, פֿאַרבונדן אין אַ גאַז־טיכל. עס האָבן זיך געלאָזט יידן, באַלעבאַטים, אין שבתדיקע קאַפּאָטעס, אין ריינע שטיוול, מיט די קעלנער פֿון די געוואַשענע העמדער. טייל אין טלית אָנגעטאָן, נאָך טייל האָבן די יינגלעך די טליתים מיט די חומשים נאָכגעטראָגן. עס האָבן זיך געלאָזט חסידים אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס און שטריימלעך און ווייסע געפּרעסטע קראַגנדלעך מיט זיידענע שניפּסלעך, וואָס עס האָט צו וויסן געגעבן פֿון באַלעבאַטישקייט אין דער היים; טייל אין מקווה, טייל פֿון דער מקווה. די גאַס איז וואָס אַ מאָל באַלעבאַטער געוואָרן, היימישער און שבתדיקער, די זון האָט זיך ליכטיק צעגאָסן איבערן הימל, אַ פֿרישע, אַ ליכטיקע, אַ נייע, אָנגעקומען אויף שבת. און זי האָט באַגאָסן מיט ליכט איין ריי הייזער, און די צווייטע זייט איז אין שאָטן געלעגן. און אויף די בלעטער פֿון די בליענדיקעביימער פֿאַר דער טיר האָט זיך נאָך דער נאַכט־טוי אויפֿגעהאַלטן.

נאָר די שול איז נעבעך געשטאַנען וויסט, אַ חורבן, און אַרומגע־צוימט מיט ברעטער, אַ קבר פֿון אַ שול... און די איינציקע וואַנט, וואָס איז נאָך שטיין געבליבן נאָך דער שׂרפֿה — אַ „כּותל מערבֿי", אַ מצבֿה אויף אַ שול. און יידן גייען דורך, קרעכצן און גייען דאַווענען אין בית־המדרש אַריין.

אין בית־המדרש האָט מען שוין געדאַוונט. דער שול־חזן האָט זיך אָנגעגרייט נייע „שטיקלעך" פֿאַרן עולם, וואָס קומט צום רבין. דער חזן, אַרום די משוררים, די יינגלעך, די קוויטשערלעך, וואָס אַ גאַנץ יאָר טוען זיי זיך אין די גאַסן אַרומוואַלגערן, קיינער קוקט נישט אויף זיי, היינט מיט איין מאָל זיינען זיי גרויס געוואָרן, מאַכן פֿריילעך, מאַכן ווייגען דעם עולם, און טראָגן זייער געבעט אין הימל אַריין... ביי דער טיר שטייען די „מבֿינים", דער הענטשקע־מאַכער מיטן געשוירן בערדל און חבֿרה, און קריטיקירן, דרייען מיט די נעז פֿון צייט־צו־צייט, טאַפּן מיט די פּיס, פֿאַרהאַלטן זיך די אויגן, און מיט אַ מאָל גיבן זיי אַ פֿאַרדריי דעם קאָפּ, האָרכן זיך איין: אָט... אָט!... ר' יחזקאל מיטן חתן זיינען גע־קומען אַ ביסל שפּעטלעך. נאָר עס פּאַסט אַזוי פֿאַר אַ חתן, פֿאַר אַ חסיד. מען האָט אים מכבד געווען מיט מפֿטיר, ווייבער האָבן פֿון דער ווייבער־שער שול אַראָפּגעקוקט און איינגעהאָרכט זיך, ווי דער חתן זאָגט דעם מפֿטיר.

נאָכן דאַווענען האָט ר' יחזקאל אַהיימגעבעטן דעם עולם אויף קידוש. אַלע באַלעבאַטים האָט מלכּהלע פֿאַרהאַלטן אין אַ צווייטער שטוב איבער־צוואָרטן די פֿיש, ביז חסידים וועלן קומען. איז געקומען עוזרל מיט ר' יצחק יודלס און מיט זייערע מענטשן. מען האָט אָנגעהויבן צו כאַפּן, צו רייסן, נישט געוואוסט, נישט ווען, נישט וואו, אָוועקגעשטופּט די באַלע־באַטים. חסידים האָבן אַ גרויס גערודער געמאַכט. אַלע אין איינעם, יונג און אַלט, געשטופּט זיך, געשטויסן זיך, געכאַפּט, אויסציענדיק די הענט, וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש. מלכּהלע האָט נאָר געקוואָלן פֿון נחת: אין איר שטוב חסידים, למדנים, ר' יחזקאל איז אליין אויך אַ חסיד געוואָרן. חסידים האָבן אים געכאַפּט אין קאָן אַריין, געקלאַפּט אים אין די פּליצעס. מען האָט אָנגעהויבן צו זינגען, עס איז פֿריילעך געוואָרן. מלכּהלע האָט געטיילט פֿיש. דער עולם האָט זיך געזעצט צום טיש, פֿון דער גאַנצער שׂאַט האָט מען אָנגעהויבן צו ברענגען פֿאַרן חתן „קוגעל": „די מאַמע ביקס קוגעל פֿאַרן חתן" — האָבן די מיידלעך געזאָגט, אַריינ־ברענגענדיק עפּעס אין אַ טעלער, פֿאַרשטעלט מיט אַ צוויטן און מיט אַ סערוועטל אַרומגערינגלט.

— אַ שיינעם דאַנק — זאָגט די מאַמע — אם ירצה השם, אַז דיין חתן וועט זיצן ביים טיש, וועט מען מיט פֿלאַשן ווײַן אָפּשיקן — האָט געקלונגען דער ענטפֿער פֿון דער באַלעבאָסטע.

דער טיש איז געוואָרן פֿאַרשטעלט מיט פֿאַרשיידענע קוגלען, און לויט דעם קוגל האָט מען דערקענט די באַלעבאָסטע. אַ באַלעבאַטישער לאָקשן־קוגעל — פֿון אַן אַלטער באַלעבאָסטע, וואָס פֿירט זיך אויפֿן אַלטן שטייגער; אַ געלייגטער קוגעל מיט אַ סך ראָזשינקעס און געפֿילעכץ — פֿון אַ היינט־וועלטיקער „מאַדאַם", אַ האַלבער שטרודל שוין; אַ טרוקן־מעליקער קוגעל, גוט דורכגעפּרעגלט מיט שמאַלץ, מיט ווייניק ראָזשינקעס, נאָר אַ סך פֿעפֿער — פֿון אַ חסידישן טיש קומט ער אַראָפּ...

*

אין דער גאַס איז לעבעדיק, פֿריילעך, דער עולם זיצט נאָך ביי די טישן, פֿון טייל פֿענצטער הערט זיך דער יום־מנוחה — טייל באַלעבאַטים זיינען איינגעשלאָפֿן אויף די סידורים, ביים בענטשן. דער יונגער עולם, אָדער די חדר־יינגלעך, גנבֿענען זיך אַוועק פֿון טיש, לויפֿן אַרויס פֿאַרן בענטשן אויף דער גאַס אַרויס, אַרויף דעם באַרג, וואָס איז הינטער דער שטאָט, שפּאַצירן מיט מיידלעך...

און דער שבת איז אויפֿן באַרג. דאָס שטעטל שלאָפֿט זיך געשמאַק, אונטער דער מאַמעס פֿאַרטוך — די מנוחה פֿון שבת. און חדר־יינגלעך האָבן זיך אויף דעם באַרג פֿאַרקליבן. אויף דעם שפּיץ באַרג שטייען יונגען און קוקן דורך די פֿויסטן אויפֿן שטעטל. מרגלים הייסט עס. שפּירן אויס דאָס אָרט מיט שפּאַקטיוון, באַרג־אַראָפּ גליטשן זיך יידישע קינדער איינס

Leipzig Fair. She stood there in her tall Sabbath cap, covering her face with her delicate pale hands, as she said the blessing over the candles. Leabeh, freshly washed for the Sabbath, with her long silken braids falling over her blue velvet jacket, looked like an ideal daughter, who is obedient to all her father and mother's behests and behaves in a manner approved by all who are good and pious—may the blessing of peace and happiness rest upon her head! She seated herself next to her mother and together with her mother she recited the blessing.

*Lord of the world, may this, my fulfillment of the duty of lighting Thy candles, be as pleasant to thee as the candlelighting of the High Priest when he fulfilled his duty in Thy holy temple! And may the eyes of my children shine with the light of Thy beloved holy Torah.... And may their fortunes shine in the heavens above.*

The windows were open into the street, the croaking of frogs could be heard from the garden across the way, and far away in the black woods there was the reflection of a little light, hanging there in the deep night like a forgotten little Sabbath light, over which the frogs were saying the blessing. A dark fog hung over the water, covering everything; only one little light winked out from far away on the other side, and one might have imagined that the old river Vistula, the gray-haired grandmother of rivers, had also lighted her candles in honor of the Sabbath.

Wafted through the open window were the God-given summery scents of a thousand plants and flowers. They poured through the room in all their fragrance, caught up a word of the blessing, a bit of the Sabbath prayer, and drifted out again, carrying the blessing over the fields and over the woods, over heaven and earth, spreading the Sabbath blessing upon God's world.

The Jews were coming home from the house of prayer. The lucky ones brought along a Sabbath guest. The angels of Sabbath flew before them, carrying a Sabbath greeting of peace, and spreading peace over the town. And the Jews beheld the Christians who had come out in their weekday clothes and were sitting on the benches in front of their houses, with their wives and children, singing and making merry. The Jews had pity for them, thinking "Poor Gentiles, they have no Sabbath!"

And thus, Father in Heaven, Thy folk, Israel, were warmed under Thy hand. Everything seemed to be released and free; all was clothed in holiness, as though the Sacred Spirit herself had embraced the people of Israel, wiped the tears from Israel's countenance, caressed the people, smoothed Israel's ear curls along his cheeks as a mother caresses and comforts her child, and lovingly had said unto him, "Art thou my faithful son, Ephraim? Or art thou a playful child? As the favorite of my children, I shall always remember thee, and therefore my forgiveness shall always be ready toward thee."

And God's mercy was poured upon the world in the night. Reb Yechezkiel came home after the prayers were said in the study house and a goodly number of guests came with him.

"Good Sabbath."

"Peace unto you, *sholem aleichem*, from the hosts of angels of Sabbath, the angels on high."

And one might almost see the Sabbath angels spreading their two white wings, bringing peace over the room. Malka and the bride sat by the table, waiting for the blessing over wine and expecting from the husband and bridegroom the pleasant words that men speak to their wives on this occasion—"A good wife, who will find her?"

They sat down to the table. Reb Yechezkiel was at the head of the table, with the bridegroom next to him, and opposite them sat mother and daughter. All around was quiet; only the breeze that came through the open window kept up a continuous whispering. Every few moments, Leabeh shyly lifted her eyes and glanced across the table. He was so attractive in his satin coat with his dark face! And she saw the golden watch peeping from his silken vest, the watch that he had received from her. He was her groom. She would live with him in one house. Only they two, no one else ... and her young heart beat so lightly, so quietly.

The young man sat silently, with his eyes lowered. What could he be thinking of now? About her, about his Leabeh? She blushed. Her father had brought a bridegroom home to her.... Ah, if only nobody were there to see, if her father and mother had gone to bed, then she would go to him quietly, for after all he was her bridegroom, and surely it was permitted to go to one's bridegroom, wasn't it? But Father and the bridegroom were singing the service in unison. His voice, how it rings, how it rises, pouring out through the open window.

עס איז שוין נאַכט געוואָרן.

פֿון די טאָפּאָלן, וואָס זיינען אויפֿן „שוואַרצן וועג״ צום בית־עולם צו, זיינען די ניגונים פֿאַרשטומט געוואָרן. אַפּנים די „הויכע דייטשן מיט די לאַנגע בייטשן״ האָבן זיך צו־פֿרי שלאָפֿן געלייגט. און פֿון דאָרטן ווייען קאַלטע ווינטן. אין געסל איז טונקל. אַלץ איז אין שוואַרצע ליילעכער געהילט. די לאָדן זיינען איבער די פֿענצטער פֿאַרמאַכט. און פֿון די לאָדן־שפּאַלטן דרינגען שטראַלן ליכט פֿון די אָנגעצונדענע לעמפּלעך אַרויס. יידן זיצן ביי דער אַרבעט שוין. עס הערט זיך אַ קלאַפּן פֿון אַ שוסטערס אַ העמערל אויפֿן שוסטער־שטיין, און דאָס קלאַפּן שלאָגט אָפּ אין געסל, ווי עפּעס באַקאַנטס, איינגעבוירענס, ווי די גריל אין אויוון... און דער־מאָנט דעם עולם אָן די לאַנגע, פֿינצטערע ווינטער־נעכט ביים ווערק־שטעלכל. אין האַרצן קלאַפּט עס מיט שרעק: ביי נאַכט.

אַרום דער שטאָט און אין דער שטאָט זיינען די הייזלעך פֿאַרטרונקען אין ימים גרין־באַוואַקסענעביימער פֿון די שטאָט־סעדער, וואָס האָבן זיך אין שטעטל אַריינגענומען און געמאַכט עס פֿאַר אַ גרויסן בלומען־טאָפּ. די בני־ישראל האָבן אין די סעדער גערוט, דאָ און דאָרט האָבן פֿון דעם טונקעלן גרינס פֿייערלעך אַרויסגעשיינט, און אַ רויך טראָגט זיך פֿון די סעדער: אַ סעדערין קאָכט אָפּ וועטשערע, און די ליכטלעך צווישן די טונקעלע גרעזער האָבן מיט אַ ליבער, פֿרומער אימה פֿאַרסודעט דאָס שטעטל, און אין דער שטיל געצויגן צו זיך. און דאָ און דאָרט זיינען צווישן די טונקעלע גרעזער אַרויסגעפֿלויגן ברענענדיקע ווערעמלעך, ווי פֿונקען פֿייער, ווי פֿאַרלוירענע נשמות...

און גאָטס וועלט איז געוועזן ווי אַ פֿאַרליבטע, צנועהדיקע כּלה, וואָס שפּאַצירט איינע אַליין ביים עק וועג, אין געסל אַראָפּ, צום שוואַרצן וועג צו.

דער טונקעלער, שטילער הימל האָט קריאת־שמע געלייענט איבערן שטעטל: המפּיל שנה על עיני — טוט וואַרפֿן אַ שלאָף אויף מיינע אויגן, ותנומה על עפּעפּי — און אַ דרימל אויף מיינע ברעמען...

קאַפּיטל צען

# נאָך יום־טוב

אַריבער די ימים־טובים. דאָס שטעטל האָט זיך אָפּגעפּאַסט אַ תּענית און דערפֿאַר נאָך דעם געקראָגן אַ שמחת־תּורה. אין דער פֿרי האָט נאָך אהרון־לייב שוסטער מיטן בלינדן אויג אָנגעטאָן זיך פֿאַר אַ טערק מיטן טלית אויפֿן קאָפּ, געטאַנצט אין שטעטל מיטן ספֿר־תּורהלע און גע־קלאַפּט אין טיש פֿון בית־המדרש מיטן פֿורסט: „אונדזער משה רבנו, אונדזער...״ האָט זיך אָבער צוגערוקט די ערשטע נאַכט פֿון נאָך יום־טוב, אַ ווינטערדיקע חשון־נאַכט...

אַ שטומע, געשטאָרבענע נאַכט, — קיין הייזל, קיין ליכט. קאַלטע ווינטן בלאָזן און רייסן זיך אָן אָן אָנהויב, אָן אַ סוף. דאָ און דאָרט מאָלט זיך אויס אַ שאָטן פֿון אַ שטייענדיקן בוים, וועלכער באַוועגט זיך מיט אַ נאַקעטער צווייג און מאַכט אין דער נאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ גלגול פֿון אַ געשטאָר־בענעם בוים. דער שאָטן פֿון זיינע פֿאַנטאַסטישע, נאַקעטע צווייגן שיידט זיך אָפּ און שרעקט אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט. אַרום און אַרום איז שטום, טויט און שוואַרץ; ווייט אין געסל אַראָפּ, דוכט זיך, גייט פּאַ־מעלעך דער שאָטן פֿון רחל־לאה, פֿון דער געשטאָרבענער מאַמע. זי גייט פּאַמעלעך אין אירע ווייסע תּכריכים און האָרכט זיך איין הינטער דעם לאָדן פֿון איר שטוב, צי פּייניקט נישט די שטיף־מאַמע אירע קינדער... דאָ און דאָרט שפּילט זיך דער ווינט מיט אַן אָפּגעריסענעם בלעך, מיט אַ שילד ערגעץ פֿאַר אַ געוועלבל, און קלאַפּט אַהין און אַהער. ערגעץ דאָרט, אין אַ פֿאַרלאָזטער רינע, טריפֿן טראָפּן וואַסער, און די טראָפּן קלאַפּן, בלאָנדזשענדיק אין דער רינע... ווייט אין געסל הערט זיך אַ רעשן פֿון אַ גרויפּן־מילעכל. די גרויפּן פֿאַלן אויף דעם רייב־שטיין, און עס קלאָגט זיך, האָט פּרעטענציעס — ווייס איין גאָט, אויף וואָס און אויף וועמען...

אין דער טויטער נאַכט הערן זיך איינזאַמע טריט, אָפּקלאַפּנדיק אָן שטיינער. עס גייט שוין אַ ייד מיט אַ טלית־זעקל אין בית־המדרש אַריין תּהילים זאָגן. און אַ קאַלטער „גוט־מאָרגן״ קלאָגט אין געסל. פֿון אַ הויכן פֿענצטער דרינגט אַ ליכטל אַרויס, ווי עס וואָלט אין דער לופֿטן געהאָנגען.

און אַ שטיל קלאַפּן פֿון אַ ניי־מאַשין צערייסט די געשטאָרבענע נאַכט: אַ שניידער איז אויפֿגעשטאַנען צו דער אַרבעט. פֿון אַ הינטער־געסל הערט זיך אַ וואָגן שפּאַנען, און ווער לויפֿט דאָס ווייט אין דער פֿינצטערער נאַכט אין געסל?...

די נאַכט ליגט נאָך טויט איבערן שטעטל, און דאָך הערט זיך שוין דאָס לעבן פֿון שטעטל, פֿון אונטער דער נאַכט וועקט עס זיך...

גרויער ווערט די נאַכט, און דער טאָג הייבט אָן אַרויסצוקוקן ווי דורך באַהויכטע ברילן. עס שניידן זיך אַרויס פֿון גרויען שטח שאָטנס פֿון הויכע, הילצערנע געביידעס, און ווי ניי־באַשאַפֿן נעמען זיי ערשט אָן אויף זיך פֿלייש און ביינער... פֿון די פֿענצטער ווייזן זיך מאָרגן־ליכטלעך. אַ קאַל־טער ווינט בייגט די ביימער אין געסל, און עס דוכט זיך, אַז די הילצערנע געביידעס לאָזן זיך אויך בייגן נאָכן ווינט... אין מיטן מאַרק שטייען פּויערישע פֿורן געשפּאַנט. יידן לויפֿן מיט פּעקלעך, קאַסטנס, מיט דרענגער און ברעטער. מען פֿאָרט אויפֿן מאַרק אינם צווייטן שטעטל אַריין.

פֿון געסל קומט אָנצופֿאָרן ר׳ משה פּעלצנמאַכער, ער פֿאָרט אַרויס מיט די פּעלצן־פּעלכלעך צו וואַשן זיי אין טייך. דער נאַכט־טוי הויכט נאָך אויף זיין וואָגן. דער הימל ווערט גרויער, אין אַ טלית זיך איינגע־וויקלט, און האַלט ערשט ביי „מה טובו״. די הייזלעך שטייגן און שיידן זיך אָפּ אַלץ בולטער פֿון גרויסן שטח. דאָ און דאָרט פֿאַרלעשן זיך שוין די ליכטלעך אין די פֿענצטער, און ווי זיי האַלטן פֿון זיך אַ סוד אַראָפּגע־וואָרפֿן, שטייען זיי, ווי אָנגעקומענע פֿון אַן אַנדער וועלט, מיט אונטער־טעניקייט: אָט אַזוי זיינען מיר, אַזוי ווי איר זעט אונדז!...

בחורים, באַלעבאַטישע קינדער אין וואַרעמע פּאַלטאָס מיט די תּפֿי־לין־זעקעלעך גייען אין בית־המדרש אַריין לערנען. ס׳איז שוין גרויסער טאָג, און פֿון בית־המדרש שיינען נאָך אַלץ אַרויס אָנגעצונדענע ליכט.

Reb Yechezkiel and the groom arrived a little bit late as is fitting for a groom and a Chassid. Avrimel was welcomed with a psalm; the women looked down from their balcony, marveling at the cantor's rendering of the chant.

After the prayer, Reb Yechezkiel invited the congregation to come to his house for the blessing of the wine. Malka delayed the plain folk in another room, where the fish was being warmed, while Reb Yechezkiel waited for the Chassidim to arrive. Then Ozarel appeared with Reb Yitzchak Yudels and all his followers. They began to push and to shove, without sense or reason, pushing the plain folk aside. And in the great commotion that they made, the Chassidim stretched out their arms and seized whatever was on the table. Malka was filled with pride to find Chassidim in her house, learned men! And Reb Yechezkiel had virtually turned into a Chassid himself. The Chassidim pulled him into their circle and slapped him on the back while several of them began to sing.

Everything became quite merry. Malka handed out the fish, and everyone sat down to table; then people from all over town began to bring in delicacies as a gift for the groom. "Mother sends a pudding for the groom," the maidens would say, carrying in a platter that was covered over by another plate, with a napkin wrapped around the whole.

"Thank you, thank you!" Mother Malka would say. "Thank you in God's name. And when your own groom is sitting at your table, we will repay you with flasks of wine!" Her happy voice rang out over the room.

The table was covered with puddings, for each housewife in the village was recognized by the taste of her pudding. A well-made noodle pudding certainly came from an old housewife whose kitchen was managed in the ancient traditional style; a narrow pudding filled with raisins and other dainties was certainly from a modern "lady," scarcely a pudding any more but halfway a cake. A dry pudding well browned with goose fat, containing a sprinkling of raisins but plenty of pepper—that certainly came from a Chassidic table.

The street was still lively and gay. Through a number of windows one could still see people sitting at their tables, taking their day of ease. A number of family heads were drowsing over their prayer books in the midst of the blessing. The younger element and the schoolboys were stealing away from their tables. Before the blessing was finished, they ran out into the street, and up the hill at the edge of the town where the young men and maidens went strolling.

And the Sabbath lay over the hill. The town drowsed sweetly beneath its mother's apron, and this was the enjoyment of Sabbath. Schoolboys were gathered on the hill; they stood on the top, pretending to be generals spying out the town through telescopes, which they made out of their closed fists. Children slid down the hill one after another, tearing their Sabbath coats and their Sabbath boots. Women promenaded along the lane at the bottom of the hill and halted to shout up at the hillside, "Nahum, your Sabbath coat!" "Chaim, come down from there! Are you coming?" The lads pretended not to hear and kept on sliding one after another down the hill.

But suddenly a boy called out, "Here comes the rabbi! The rabbi!" and then the whole flock of them took to their heels, vanishing in the distance. Far behind the hill, the road continued, and there was the stream that cut through the town, and beyond was the watermill. The slapping of the water against the wheel could be heard from a distance. And beyond the watermill the older lads, the students of the Torah, went strolling far along the road.

After the meal, as is customary in a good man's house on Sabbath, Reb Yechezkiel crawled under the covers for a nap, and Malka did the same.

Leabeh, wearing a Sabbath dress with a white apron, went into the salon like a modern bride and sat herself by the window, reading a modern romance. Her groom walked back and forth in the salon, a bit more at home. They now felt a little as though they belonged to each other, although they had not yet spoken an intimate word to each other. She kept on reading, no longer disturbed or abashed by his presence, for after all they had been made bride and groom. She said nothing but tasted her joy within herself, feeling her happiness in her heart. For he was hers, a little groom all her own, and she counted his steps within her heart. Now they were no longer ashamed to keep their eyes on each other for after all this was certainly not forbidden. But they had nothing to say to each other, and so they remained silently together in the same room.

"Perhaps Avrimel would like to drink a glass of soda water?" she suddenly asked him, gaining a little boldness.

"Thank you very much," he replied.

# דריי חופּות

מזל־טוב, מזל־טוב! היינט איז לאהלעס חתונה.

אַ שטילע, קלאָרע טבת־נאַכט.

נאָך אַ פּאָר טעג, ווי דער שניי האָט אָן אויפהער געשאָטן אויפן קליינעם שטעטל און באַשאָטן עס פון קאָפּ ביז צו די פיס, איז אין אַ שיינעם פאַר נאַכט די לבנה אָנגעקומען. זי האָט זיך געמאַכט אַ וועג דורך די וואָלקנס און האָט דאָס שטעטל ליכטיק געמאַכט אַזוי, אַז די קינדער, וואָס זיינען אַהיימגעגאַנגען פון חדר מיט די ברענענדיקע לאַמטערנדלעך, האָבן זיך מיט זיי מער באַנוצט פאַר אַן אילומינאַציע, ווי אויף צו באַלייכטן דעם וועג. נאָך דער לבנה זיינען אַרויסגעשוואומען די שטערן, יעדערער איינציקווייז, פון די באַהאַלטענע ערטער, וואו זיי ליגן אין זייער רו, און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צווישן די גרויסע ריסן פון איין וואָלקן און צווייטן אין די עקן וועלט אַריין. די שטערן האָבן געשימערט און באַלויכטן די בערג שניי, וועלכע האָבן געהויערט איבערן שטעטל און אין שטעטל, ווי סטאַדעס ווייסע שעפּסן, איינס ביים צווייטן...

אין שטעטל איז הימלעך. די געוועלבלעך זיינען אָפן, די לעמפּלעך שיינען אַרויס, יינגלעך כאַפּן זיך אַרויף אויף די שליטנס, וואָס קלימפּערן אין גאַס. אין שטעטל איז אַ שמחה: דריי חופּות! דער גביר פון שטעטל, ר׳ יחזקאל, מאַכט התונה זיין יינגסטע טאָכטער, לאהלע. ר׳ יחזקאלס פערד־יונג נאָטע פירט אונטער דער חופּה יחזקאלס קעכין יענטען, און דער בלינדער עקיבא גיט איין אַ ספר־תורהלע. ביי ר׳ יחזקאלן וועט דער רבי אַליין מסדר־קידושין זיין. אַזוי פיל חסידים, נגידים זיינען אָנגעקומען אויף דער חתונה, מיט אַ מוזיק פון סאַמע פידלען, און ר׳ נח בדחן איז אויך דאָ — עס וועט זיין אַ לעבן!... אויך נאָטעס חופּה וועט זיין ניט אַבי ווי, נאָטע וועט צודעקן יענטען דעם קאָפּ פאַר כל־ישראל. ניט אומזיסט איז שוין אַזאַ מנהג ביי די אַלטע באַלעבאָטים חתונה צו מאַכן אַ דינסט אין איין טאָג, ווען מען גיט די יינגסטע טאָכטער אויס. און היינט דער יום־טוב פון אַריינגעבן דאָס ערשטע מאָל אַ ספר־תורה

דאָס גאַנצע שטעטל איז פול מיט מחותנים און מחותנתטעס, מען ראַמפּלט אַרום אויף שליטנס, וועלכע קלינגען מיט די גלעקלעך אין אַלע גאַסן. יונגען כאַפּן זיך פון הינטן אַרויף, און עס איז אַ ליאַרעם און אַ געטומל. עס באַווייזן זיך חסידים אין זיידענע היט, סאַמעטענע היט, אין שטריימלעך און ספּאָדקעס, געקנייטשט אין דרייען, טיילן זיך כּיבודים אין דער גאַס. עס באַווייזן זיך יידן אין אויסגעשמירטע שטיוול מיט איל, אין שבתדיקע, טוכענע קאַפּאָטעס מיטן שניט פון הינטן; מחותנתטעס מיט הויכע הייבן, מיט שלייפעלעך און זיידענע ברייטע קליידער. ברוגזדיקע מומעס שטייען פאַר די טירן, אָנגעטאָן מיט די קייטעלעך, מיט די בראַש־קעלעך און וואַרטן אויף דעם שליטן, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט נאָך די חתונה־געסט — אַ ניי־מאָדישער אויפטו — כאָטש זיי האָבן נאָר איניקע טריט אַריבערצוגיין. מיידלעך, באַלעבאַטישע קינדער, וואָס אַ פּאָר טאָג פאַר דער חתונה זיינען זיי נאָך אַרומגעגאַנגען מיט קליינע צעפּ־לעך, וועלכע זיי האָבן זיך געפלאָכטן, כּדי די האָר זאָלן זיין „געקאַרבט״, זיינען אויסגעצירט אין ווייסע קליידלעך מיט בלויע סטענגעס און מיט ווייסע שיכלעך. אין די הענט האַלטן זיי סאַמעטענע בייטעלעך אויף טאַנץ־געלט. עס גייען צום חתן בחורים אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, אין סאַמעטענע היט, טייל אין משפּחה־שטריימלעך, וואָס איז אַ צייכן, אַז דער בחור האָלט ביי אַ שידוך טאָן. עס באַווייזן זיך יינגלעך אין קאַפּעלעך און מיידלעך מיט אויסגעצוואָגענע קעפּלעך, וואָס גייען מיט די מאַמעס אויף דער חתונה. די מוזיק הערט זיך שוין אין געסל. מען טאַנצט, דאָס גאַנצע שטעטל קומט אָן אויף איין פּלאַץ און מען טאַנצט אין שניי. יונגען קנעטן קוילן שניי, און גרייטן זיך אָן, ווען מען וועט חתן־כּלה צו דער חופּה פאַרן שול־הויף פירן... און די לבנה שטיפט אויך אַרום, באַגיסט מיט ליכט דעם שניי, וואָס ליגט ווי אַ וואַרעמער דעק איבערן שטעטל. ליכטיק, הייכלעך, ווי ביי טאָג. די שטערן ווינקן אַראָפּ, דער שניי פינקלט אַרויף, בריליאַנטן פליען אין אַוויר אַרום, און די הייזלעך שטייען אין די ווייסע קאַפּקעלעך אויפן קאָפּ, און שליטנס ראַמפּלען, גלעקלעך קלינגען, רוישן, און יונגען כאַפּן זיך אויף פון הינטן אויפן ברעטל.

אין גאַס האָבן זיך געהערט פידלען שפּילן חסידישע, לאַנגע, אויס־געצויגענע ניגונים. ר׳ שלמה לינטשעצערס פידעלע זינגט אין דער גאַס, און עס האָט זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַ שטייגער. די שטערן אין הימל, די ווייסע וועלט אַרום און אַרום שווייגט און האָרכט זיך איין. חסידים זינגען זיסע ניגונים. פון די פענצטער ווייזן זיך ליכט און לאָמפּן. אויפן געסל ווערט העל, ליכטיק, ווייבער שטעלן זיך פאַר די טירן מיט אָנגעצונדענע קין־העלצלעך. די פייערן צעפלאַקערן זיך. מען פירט דעם חתן מיט דער כּלה צו דער חופּה פאַרן שול־הויף. עס הייבן אָן גיין חסידים אין שוואַר־צע שטריימלעך — אַ ים שוואַרצע סאַמעטענע היט, אַטלעסענע קאַפּאָטעס. עס שיטן זיך ווייבער אין בלאַנקענדיקע שטערנטיכער און מיט בריליאַנטן, וואָס זיינען איינגעזעצט ווי שטערן, ברייטע, זיידענע קליידער רוישן. כּפול־שמונהדיקע הבדלות פלאַקערן אין די הענט. שוואַרצער סאַמעט טוקט זיך אין זיידענע, העלע קליידער, ווי שוואַרצע שטראָמען וואַסער אין ווייסן שניי. דער רבי איז אין אַ ווייסן כאַלאַט אין מיטן, און די שוואַרצע סבי־בה איז אַרום אים. די לאַוויטשער רביצין אין דעם ברייטן שטערנבאַנד טאַנצט פאַר התן־כּלה, שיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, קליינע חדר־יינגלעך, מיידלעך כאַפּן די ראָזשינקעס, וואָס פאַלן איינע נאָך דער אַנדערער. די שמשים מיט רצועות טרייבן פונאַנדער די קינדער, מאַכן אַ וועג. עס ווייזן זיך חתן־כּלה. זיי גייען בייזאַמען, פאַרדעקנדיק זיך די אויגן מיט די נאָז־טיכלעך. די מחותנים גייען פון בידע זייטן. ר׳ יחזקאל אַליין איז אין אַ שטריימל, אין שיך און זאָקן גלייך מיטן מחותן. די מחותנתטעס פירן די כּלה אונטן אַרום. דאָס אַלץ וואַרפט אַן אַריסטאָקראַ־טישן גלאַנץ, חסידיש און נגידיש. און די פידלען שפּילן און די חסידים זינגען מיט און די הבדלות לייכטן מיט...

There was never such a sun in heaven or on earth; her sunbeams lingered over the market place like guests reluctant to depart, and suddenly one heard the blast of a ram's horn. The sound trembled in the air, startling young and old.

So the women sat on the doorsteps of their homes, knitting and embroidering. And wagons came driving up to their doors, and distant cousins and aunts from far away came visiting, wearing their mourning clothes, for this was the season for visiting the graves of their fathers in the old cemetery.

The old cemetery was spread out on the hill, with every tombstone hidden by a tree, and under every tree a sleeping soul, and they all looked down forever into the village. The rabbi of each generation lay surrounded by the good folk of his time in a separate little corner of this holy place, and here one could count the generations of the fathers of the village. Many of the names of the dead could still be found among the living; some of the names had been graven upon the stone and wood of the village, had become the names of streets or of courtyards. Reb Johanan's, Reb Mosheh's Yard. . . . It was quiet in the cemetery. From somewhere behind a tombstone an angry cat meowed, and elsewhere a mad dog's eyes glittered. The town billy goat with his harem of she-goats clambered over the graves, pasturing among them, and a quiet little breeze swayed the branches of the trees. Here and there living persons knelt among the graves, and a steady quiet sobbing rose from the tall wild grass, as was fitting in a cemetery, and one could scarcely tell whether the sobbing came from the dead or from the living. In one corner Chane Esther, the cemetery woman and the oldest crone in town, guided a young woman to where her father's bones lay resting. And the cantor's little children climbed into the apple trees, and between one requiem for the dead and another, they knocked down the little green apples.

At this time of year the man from the land of Israel appeared to gather up the money that had been dropped into the little collection boxes fastened on the door frames of all the Jewish houses, just below the amulet of holy words, the mezuzah. In every Jewish house this money was gathered for the land of Israel; whenever a housewife blessed the Sabbath candles, she dropped a little blessing money into the box.

He arrived like a shadow, a tall lean man with a pale, ascetic face; in his high furrowed forehead a deep secret seemed to rest, the secret of God's reason for the long, long exile, the secret of the time of the coming of Messiah. . . . He was one of those Jews in whose existence everyone believed; surely they lived somewhere, but no one knew where. The sight of such a Jew recalled something familiar to our hearts, though we could not say what it was. He aroused a forgotten loyalty, deep down in us, and made us feel as though we somehow belonged together. The man from the land of Israel wore a white satin coat, and he had long black ear curls, and he sat in an obscure corner in the house of prayer. A group of old Jews had gathered around him. There was Reb Mosheh David, who had taken upon himself the holy duty of burying the torn and worn leaves of the holy books in the cemetery, and there was Reb Yoshiahu Wolf, and Reb Nota, all those who spent the days of their old age sitting in the prayer house, long-standing members of the circle of psalm readers. They were the bodyguard of our teacher Moses and the faithful friends of David the King. They had long ago prepared their burial garments and made ready the little sacks of earth that they had procured from the land of Israel. And these old men listened well to what the man of Israel had to tell of the motherland.

They were never tired of gazing upon him, for in the folds of his garment there was the dust of holy land, the dust that blew upon the graves of the holy forefathers, and over the tomb of the holy mother Rachel, and within this dust there was a secret from afar.

Out of his pack he drew bits of stone that he himself had chipped away from the Wailing Wall, for he had stood there, reciting the evening prayer with a congregation of Jews. Each of the old men took the bit of stone in his hands, setting his iron-rimmed glasses upon his nose while he studied the true stone out of the Wailing Wall from the ancient temple in Jerusalem. This was the very stone from the temple, this bit of stone was from the days of old. The high priests had perhaps leaned against it, and this stone had seen the passing of every pilgrim who came with his sacrifices to Jerusalem. Then the man from Eretz Israel drew out a little sack of earth from his pack. This was the earth from the grave of Mother Rachel, there too he had been, on the road to Ephrat, as it is written in the Scriptures, there where our father Jacob buried our mother Rachel, on the road to Bethlehem—from there he had taken this bit of earth.

And the Jews studied the earth from the ancient tomb, from the

נאָך דעם ערשטן צוג האָט זיך געוויזן דער צווייטער. נאַטע פֿירט יענטען אונטער דער חופּה. פֿון פֿאָרנט איז געלאָפֿן אַ יונג און האָט געטראָגן די שול־לאָמטערנע מיט די אויסגעשניטענע לייבן און בערן, וואָס יעדערער פֿון זיי האָט זיך געברענט אין אַן אַנדער קאָליר. עס האָט זיך געהערט יעקלס מיט די אַרומגעבונדענע באַקן־בעמבע: בים־באָם, בים־באָם! עס האָט געהילכט און געקלונגען דאָס געסל. אַ יונג האָט ערגעץ וואו דערפּאַקט דעם שטאָט־גרעגער, וואָס הענגט אויפֿן קלאָץ פֿאַר דער קאָזע, און האָט אָנגעהויבן צו גרעגערן. יידן באַלעגאָלעס האָבן אַרויסגענומען די שטורקאַצן פֿון די וועגן און חתן־כּלה באַגלייט. רחל־לאה די מומע האָט זיך מיט אַ מחותּן אַ באַלעגאָלע ביי די הענט אָנגענומען און האָבן פֿאַר התן־כּלה געטאַנצט. און די בעמבע קלאַפּט־צו, און די יונגען פֿייפֿן־צו, כאַפּן קוילן שניי, קנעטן זיי פֿעסט און לאָזן אין די קעפּ. דער חתן פֿירט די כּלה. נאַטע זעט אויס אין זיין שבת־היטל, ווי גאָר אַן אָרענטלעכער מענטש, נאָר די אויגן ווינקען לאַבוסעוואַטע פֿון הינטער דער חופּה אַרויס... די כּלה יענטע, אָנגעטאָן אין אַסתּרלס שבתדיק קליידעלע, וויינט אויפֿן קול. דער שטאָט־רב גייט צווישן די מחותּנים, באַלעגאָלעס, וואָס זיינען אין קאָרטענע כאַלאַטלעך, אין אויסגעשמירטע שטיוול און אין שוואַרצע שבתדיקע טוך־היט. דאָ און דאָרט שפּרינגט אַרויס אַ מחותּנתטע אין אַ ברייט קלייד מיט באַנדן, און מיט אַ שלייפֿעלע אויפֿן קאָפּ, פֿאַרלייגט די הענט אויף די זייטן און, אָנגעמגדיק אַ פֿאַרזאָרגטן מחותּן ביי די באַקעס, טאַנצט זי מיט אים אויף איין אָרט און זינגט:

